STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10975

# GEVETN

Itzik Fefer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# איציק פעפער — געוועטן

איציק פעפער

# ג ע ו ע ט ן

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע“
קיִעוו — 1930

די ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג
פון דעם בוך און די שיפערן
פאַר ביבליאָטעק-קאַטאַלאָגן זיינען
אָפּגעדרוקט אין „צייטשריפט פון
דרוק" און אין דעם „קאַרטן-רע-
פּערטואַר" פון דער אוקראַיִני-
שער בוך-פּאַלאַטע.

מעלוכע - טרעסט „קיִעוו - דרוק".
2-טע דרוק. וואָראָווסקי-גאַס 42.
באַשט. № 4312. געדרוקט 2.500
7½ דר.-בויגן. קרייזליט 1122.

# מיט הײַנטיקע אויגן

ס'איז שוין קלאָר נאָך די יאָרן פון זיג,
ס'איז שוין קלאָר און באשטעטיקט:
א צוג, ווען ער קומט אף א בריק,
ווערט ער מיט שטילקייט געזעטיקט.

א צוג, ווען ער קומט אף א בריק,
גייט ער וואָגיק, פארטראכט און פאמעלעך
און שפרייט זיינע רינגיקע רויכן אף וואסערן העלע,
אוןווארפט זיינע רינגיקע רויכן
אף כוואלישע טעלער...

ס׳איז שוין קלאָר פאר דער אויגיקער וועלט
און אפילע פאר בלינדע:

א צוג, ווען ער קומט אפן פעלד,
גייט ער שטענדיק געשווינדער.

א צוג, ווען ער קומט אפן פעלד,
איז מיט רויש און מיט ראש און מיט ווילדקייט,
און ווארפט זיינע ראשיקע רויכן אף פעלדישער מילדקייט,
און ווארפט זיינע רויכיקע וואָלקנס
אף ווייצענער שטילקייט...
ס׳איז שוין קלאָר פונעם אייז־יאם ביז דניעפּר,
ס׳איז שוין קלאָר און באוויליקט:
א צוג, ווען ער קומט אין א סטעפּ
אף די רעלסן פון פרילינג,
פליט ער נאָך הייסער אף סטעפּישן רוקן,
האָט ער קיין צייט ניט די רעלסן באקוקן

מיט אויגן מיט גרויסע,
מיט רויטע לאמטערנס,
צי ליגט
אף די רעלסן
א נעכטיקער שטערן,
צי ליגט
אף די רעלסן
א הייַנטיקע שטערונג,
און אלטע נעווייַלע,

א בינטל מיט בלומען, —
דער צוג ווייסט פון יאָגן!
דער צוג ווייסט פון קומען!

ווײ צו די אלע,
די אלע, וואָס שטערן
דעם צוג זיך באוועגן
און ליגן
אף זײַנע געשווויִרענע וועגן!
ער וועט זיי צעמאָלן,
דער צוג,
דער גערעכטער,
ער וועט זיי צערײַבן,
מיט זאפט און מיט בלוט
אף די פעלדער באשרײַבן,
פארשרײַבן,
פארקריצן
אף רעלסן אף ווײַטע,
אף רעלסן אף קאלטע:
אָט דער האָט דעם יאָג
פון די רעדער
פארהאלטן!..
און ווידער די ווערסטן, די סטעפּישע, שלינגען
און לויפן נאָך הייסער און לויפן נאָך שנעלער,
און ווארפן די רויכן, ווי שטאָלענע רינגען,
אף ווייצענער שטילקייט,
אף כוואלישע טעלער...

## צו די בויער

צו אַלע, צו אַלע, צו אַלע מײַן רוף,
צו די, וואָס באַרוישן מיט האַמערס די לופט,

צו אַלע, וואָס קענען זיך שפּאַנען אין שפּאַן
און קנעטן די ליים פאַר מײַן היים, פאַר מײַן לאַנד,

צו די נאָר, צו די נאָר, צו די נאָר מײַן רוף!

ס'האָט יעדערער זײַן כיין,
ס'האָט יעדערער זײַן ברען,
זאָל יעדערער הייבן דעם שטיין,
וואָס ער קען!

צו יענע, צו יענע, צו יענע מײַן ליד,
וואָס ווערן פון מי און פון אומרו ניט מיד,

און טרײַהײַט מיט פרײַהײַט איז ניט נאָר קיין גראַם,
א גראַם און א קלאַנג און אן אויסגעשריי סטאַם,—
צו יענע, צו יענע, צו יענע מײַן ליד!

ס׳האָט יעדערער זײַן כיין,
ס׳האָט יעדערער זײַן ברען,
זאָל יעדערער הייבן דעם שטיין,
וואָס ער קען!

צו אלע, צו אלע, צו אלע מײַן וואָרט,
צו די, וואָס באַזינגען די מי פון מײַן דאָר,

דעם בלי פון מײַן לאַנד
און דעם גלאַנץ פון מײַן שווערד,
צו די, וואָס באַדעקן מיט יאַנטעוו די ערד,—

צו אלע,
צו אלע,
צו אלע מײַן וואָרט!

ס׳האָט יעדערער זײַן כיין,
ס׳האָט יעדערער זײַן ברען,
זאָל יעדערער הייבן דעם שטיין,
וואָס ער קען!

## אזוי האָט געזונגען דער באס

אזוי האָט געזונגען דער באס:

שיינע באלקאָנען אין ליכטיקן צוויט,
טירן געשניצטע און מירמלנע טרעפ,
האָבן, ווי היטער, די טירן געהיט
בראָנזענע לייבן מיט בראָנזענע קעפ,
די טירן געהיט און די טרעפ און די גאס...

אזוי האָט געזונגען דער באס.

און הינטער די טירן פארכליופעט מיט שײַן
גלאנצן געמאָלטע באגילדעטע ווענט,
זען די גאסן, ווי ס׳גיסט זיך דער ווײַן,
ווי ס׳דרייען זיך פרויען אין שיקערע טענץ,
ווערן די פינצטערע גאסן אין קאס...

אזוי האָט געזונגען דער באס.

א ריזיקער הילך האָט די גאסן געוועקט.
געבריט האָט א שארפער, א היציקער פראָסט,
זײַנען די שיקערע פרויען אוועק
און האָבן די בראָנזענע לייבן פארלאָזט.
געגאן איז פון שטעט און פון פעלדער א ראש...

אזוי האָט געזונגען דער באס.

שמײַסן די קוילן, א קויל נאָך א קויל,
מערט זיך די בײזקײַט אין לײבישן בליק,
א קויל האָט דעם גיבער צעמאזיקט דאָס מויל,
א קויל האָט באם צווײטן די גריווע צעפליקט,
ליגן די לײבן און שלינגען דעם האס...

אזוי האָט געזונגען דער באס.

געװען איז א שװארצע, א הארבסטיקע נאכט,
אין הײך האָט געװונקען אן אײנזאמער בליץ,
געקומען אין שטאָט איז די זעכצנטע מאכט.
האָבן לײבן די בראָנזן די לעצטע צעשפריצט...
און גאס האָט מיט פאָנען באגעגנט דעם גאסט...

אזוי האָט געזונגען דער באס.

מיט רו איז געגאנגען דער צװײטער פארטאָג,
ס'האָט קײנער דעם טויט פון די לײבן באקלאָגט,
דער אלטיטשקער שוימער פון נאָענטן הויף
האָט רעשטלעך פון בראָנזענע לײבן פארקויפט...
ס'האָט ביליק געקויפט זײ דער אלטער יעװבאז...

אזוי האָט געזונגען דער באס.

שײנע באלקאָנען אין ליכטיקן צװיט,
טירן געשניצטע און מירמלנע טרעפּ.
ס'כליופּעט דורך פענצטער קאָמיוגישע ליד,
רויטינקע טיכלעך אף יונגיטשקע קעפּ...
און סע רוישט און סע הילכט ארסענאלישע גאס...

אזוי האָט געזונגען דער באס.

## רעמאָנט

... און ניט וועגן ציגל,
און ניט וועגן ליים, און
ניט וועגן היגע
באזונגענע היימען...

אף בויונגען בעט זיך
דער שאָטן פון יאָנטעוו,
און איבער די פלעצער
שפאנען רעמאָנטן...

דורך ריזיקע ראָסטן,
דורך אָפּגרונטן טיפע,
מיר ז<0x05F2>ַנען מאטראָסן
און פירן די שיפן...

שוואַרציאַם און וואָלגע...
כוואַליעשער פּלאַטער,
ס'הענגען אויף וואָלקנס
געסלעך מיט כאַטעס...

קינדהייט מיט יוגנט
אויף מײַלן צעהאַנגען,
צעשליידערט אויף צוגן,
צעשניטן אויף קלאַנגען...

קינדערשע יאָרן,
פרישקייט און ריינקייט,
ס'דאַרף מײַן זיקאָרן
אַזויפיל געדענקען!

כ'הענג איבער געסלעך
אין ברעגן פון רעמאָנטן,
כוואַליעס מיט וועסלעס
פּלאָנטען זיך, פּלאָנטען...

כוואַליעס פון יאַמען,
וועסלעס פון שיפלעך
שווימען צוזאַמען
אַרויס פון די טיפן.

וועסלעס דערמאָנען
שליופּקעס צעשאָסענע,
נאַכט און לעוואָנע
און רויטע מאַטראָסן.

כוואַליעס דערמאָנען
פארגעסענע שטימען,
בלוט פון די פאָנען,
בלוט פון די שווימערס...

ווייַטן צעבויטעטע
קוקן פארדראָסיק...
דורך וואסערן לויטערע
זע איך מאטראָסן...

— וואָס ליגט איר אצינדערט
אין וואסערן רוישיקע?
אייַערע קינדערלעך
זייַנען שוין גרויסינקע.

קינדערלעך אייַערע
האָב איך באגעגנט שוין
צינדן די פייַערן,
בויען די געגנטן...

מיט ברעגן מיט בלויע,
פון ווייַטן און נאָענטן,
שפאנען די בויער,
שפאנען רעמאָנטן...

שלאנקע, ווי סאָסנעס,
כוואַליעשע קלאָרן,
ווייַטע מאטראָסן
„פּאָטיאָמקין״, „אווראָרע״...

אוי, איך דערמאָן זיך
געזאַלצענע לופטן,
דרייסטע און בראָנזענע
פלעגט איר א רוף טון.

איינער ווי אלע,
פלעג א געשריי טון,
פלעגן די כוואַליעס
צו שלאַכטן זיך גרייטן...

... אלץ האָט געשוויגן
ארום אף די ברעגן,
אין שטויב איז געליגן
א טויטע די געגנט.

סע האָבן זאַוואָדן
מיט שטויב זיך געוואָרגן,
מיט פינצטערע לאָדנס
און דאָרשטיקע גאָרגלען.

פאבריקן, זיי האָבן
געשטיקט זיך מיט פוסטקייט,
אין שפינוועבס באַגראָבן
די שטאָלענע ברוסטן...

מאשינען, מאָטאָרן —
פארגליווערטע לאַווע,
דאָס הארץ פון די יאָרן
פארלאָזט און פארזשאַווערט...

מאָטאָרן פארשטומטע
אין שטויביקע בלוזקעס,
אן אײַזערנער אומעט
אף אײַזערנע מוסקולן...

... אין נאָענטע וועלדער
אף שטריקענע רינגען,
ארבעטער עלנטע,
אלטע און יונגע,

געהאנגען פארצויגן,
מיט אויגן מיט קלאָרע,
מיט גלעזערנע אויגן
געקוקט אף מאָטאָרן...

מע דארף ניט קיין אָדעס,
מע דארף נאָר געדענקען,
דער טויטער זאוואָד איז
אן אייביקער דענקמאָל...

מע דארף נאָר, מע דארף נאָר
מיט האמערס, מיט פויסטן,
מיט אײַזערנע מאכנעס
דעם שטויב פון אים אויסטון.

מע דארף מיט די וועלדער
די אלטע זיך ראנגלען,
ווו ס'זײַנען די העלדן,
אף צווײַגן געהאנגען!

... און דאָרט, ווו סע קלויבט זיך
אף גראָזן די ראָסע,
און דאָרט, ווו סע הייבט זיך
דער רויך פון די סאָסנעס,

אף ברעגן, אף הויכן,
אף הונדערטער ווערסטן
זאָל שמײַסן א רויך
פונעם קוימען פון העכסטן!

די שליאכן, די וועגן
און אלעס און אלעס,
מײַן לאנד און מײַן געגנט
אין שפאן פון די כוואליעס...

די כוואליעס, די טיפע
זיי יאָגן, זיי שלינגען
און שטיפן און שטיפן
מיט שיפן מיט יונגע.

ווי רײַטער געניטע,
אף כוואליעס מיר רײַטן.
פון שווארצקײַט צעגליטער,
פון הימלען, פון ווײַטע

ווי ליכטיקע ראָסע
די שטערנדלעך טריפן...
מיר זײַנען מאטראָסן
און פירן די שיפן!

ס׳איז אָנהייב, ס׳איז ערעוו,
קינדערלעך טרייַע,
די בלוטן, די נערוון
צושטייַער! צושטייַער!

היי יונגע, היי אלטע,
פון זיבן ביז זעכציק,
די בלוטן וואָס האלט איר?
די הערצער אהערצו!

ברידערלעך העלע
אין יאמישע טיפן,
זייַט רויִק, מיר וועלן
דערפירן די שיפן.

אָ, קוקט ניט בערויגעז
אף אָנקום פון פרילינג,
מאטראָסישע אויגן
פון נידערן שטילע...

ניט קוקט אזוי פראָסטיק
פון יאמען, פון בלויע,
וואָס איר האָט געשאָסן
און מיר וועלן בויען...

ראשיקער געגנט,
אין זוניקן אָנטון!
איבער די ברעגן
שפאנען רעמאָנטן...

דאָרשטיקע קערפּערס,
פּליאזשן איר יונגע,
יונגער געלעכטער
פון בלוטנדע לונגען...

נעכטיקע ווונדן
פון שלאכטן פארגעסענע,
ווונדן פון ווונדער,
פון ווינטערשע ווערסנעס,

ווונדן אף לונגען,
אף פּלייצעס, אף זייַטן,
ווונדן פון יונגקייַט,
פון יאָגן, פון רייַטן...

היי, אף די פּליאזשן
הייס און פארפּאליעט,
טויזנטער ראשן
גיין פון די כוואליעס.

ס׳גייען פון סאָסנעס
אויסרופן אָפּטע:
— היי, איר מאטראָסן,
יונגען, וואָס שלאָפּט איר?

שטייט אוף, ווי איינער,
פון וואסערן טיפע,
רויִקע, שיינע,
ווארטן די שיפן...

בלייַקע גערטנער,
שיפן באַפאַרבטע,
ס׳רופן אייַך, הערט נאָר,
טויזנטער אַרבעטער...

ס׳וואַרטן די נעגערן,
ס׳וואַרטן אינדוסן
אַף אייַערע זעגלען,
אַף אונדזערע גרוסן...

אין לענדער דערשטיקטע —
צייַט שוין אַ מאָן טון!
מונטערע, שיקערע
גייען רעמאָנטן...

איז קוקט ניט בערויגעז
אַף אָנקום פון פרילינג.
מאַטראָסישע אויגן
פון נידערן שטילע.

ניט קוקט אַזוי פראָסטיק
פון יאַמען, פון בלויע,
וואָס איר האָט געשאָסן
און מיר וועלן בויען...

מאַטראָסעלעך העלע
פון יאַמישע טיפן,
זייַט רויִק! מיר וועלן
דערפירן די שיפן!

# העלדן

די רײַטער, די העלדן מיט שווערדן פֿארהויבן,
די פֿערד אין געלויף מיט צעפֿלאטערטע גריוועס,
איך זע זיי אצינד דורך די הײַנטיקע שויבן,
זיי שטייען, ווי דענקמאָלן ווײַטע, פֿארגליווערט...
. . . . . . . . .

געננוג האָבן פֿערדלעך
די פֿעלדער
מערעזשעט
מיט קאָפּיטעס־טופּ און מיט סטעפּישן אימפּעט.
און ס'האָבן זיך ווערסטן
געציילעמט מיט מעזשעס,
און ס'האָבן די ווינטן
טשאסטושקעס
געגרימפּלט...

אראָפּ פֿון די פֿערד... אין דיזעלבע שינעלן
קאָלווירטן געשפּרייט
און זאוואָדן צעשטעלט דאָ,

מיט פּראַנטישע הענט, מיט די פֿינגער דיזעלבע
געדראפּעט אין העפּטלעך
א ליד וועגן העלדן...

ס׳צעווייען זיך טעג פונעם וועג, ווי פּאַלאָווע,
און לידער
פון לעדער,
פון שטיין
און מעטאַלן

פאַרמעקן די מעזשעס פון דוירעס געכאָוועטע,
פאַרהילכן דעם דרעמל
פון שטרויענע
שטאַלן...

עס טרובען קיין טרובעס שוין מער ניט אף פעלדער,
און פערדלעך זיך שלעפן נאָך טראַקטערס געלאַסן,
און נעכטיקע העלדן,
און הײַנטיקע העלדן
באַווארפן די פעלדער
מיט שטעט
און מיט גאַסן...

די העלדן... זיי זייען איצט ווייצן מיט גערשטן,
די העלדן...
מע פויקט ניט אצינד אין די פויקן.
די העלדן...
זיי רוען ביז שאָס, ביזן ערשטן,
די העלדן...
זיי היטן די ביקסן, ווי אויגן...

— — — — — — — — —

איך זע זיי שוין איצטער מיט הײַנטיקע אויגן,
די ראָטעס, די ווײַטע אף בערג און אין ריוון,
די רײַטער, די העלדן מיט האמערס פאַרהויבן,
די פערדלעך אין שפּאַן מיט באַרויִקטע גריוועס...

# פון די העכסטע שטאָקן

וועקנדיקער פײַער,
רופנדיקער, רויטער...
טרעפּעלעך פאַרשטויבטע
שפּין־געוועב ווי לאָקן...
כאַוער, דו געטרײַער!
גיב אַהער אַ לייטער,
כ׳וועל זיך הײַנט אַ הייב טון
אויף די העכסטע שטאָקן!

כ׳וועל זיך הײַנט אַ הייב טון
איבער שטעט און בריקן,
וווּ די וואָלקנס פּרירן,
אינעם בלויען פּלאָנטער,
און פון הייך פאַרטויבטער
וועל איך הײַנט אַ קוק טון,
ווי די טעג מאַרשירן
איבער בערג פון יאָנטעוו...

טויזנט מאָל געלויבטע
גייען טעג אין רייען,
זייער העכסטע הויכקײַט
וויל איך הײַנט דערגרייכן,
גיט אַהער אַ לייטער,
כ׳וועל זיך הײַנט אַ הייב טון,
כ׳וועל מײַן לאַנד דערזעען
פון די העכסטע הייכן!..

## צום קאַפּיטאַן

ניט געוואַקלט.
קאַלט
און קלאָר
שווימט די שיף פון אונדזער דאָר...

אויפן בריקל שטייסטו פעסט,
יעדער בליק
די ווייַטן
מעסט...
יעדעס וואָרט
אין גרויקייַט
גלייט
פירן קאָנסטו, ביסט געניט!

ס׳האָט דער לערער פארן טויט
דיר אף יאַרנלאנג, פארטרויט
אי זײַן כאָכמע, אי זײַן שרויט,
אי דעם סאָד פון שטאָל און ברויט...
פירסטו איצטער קלוג און טיף
אונדזער שווערע יונגע שיף!..

האָסט גערופן:
ברודער, קום!
ס׳רינגלט
שווארצקײַט
אונדז ארום,
ווילדע פיש פון פרעמדן ברעג
גיסן שווארצקײַט אפן וועג...
אונדזער פלייש
איז יונג
און פריש,
גלאנצן אויגן בא די פיש...
אונדזער בלוט
איז יונג
און ריין,—
קלינגען בא דעם טויט די ציין.

רוף
און שאל —
און מ׳איז געגאן...
— — — — — —

בראוואָ, בראוואָ, קאפּיטאַן!
קלוגע מענער אף די בערג,
העכסטע
האָבן ניט באמערקט,
ניט דײַן שיינקייט,
ניט דײַן מאכט,—
אף די בערג האָט מען געלאכט...

בראוואָ,
בראוואָ,
ס׳ליגט
דער ריז,
ס׳ליגט דער לייב צו דײַנע פיס!

ריזן ריזיקע באזיגט...
זייער גרויסקייט איז צעפליקט,
זייער כאָכמע ליגט פארקלעמט
אין די קייטן פון דער פרעמד,
ס׳האָט דער יאם אף אונדזער ברעג
נעמען זייערע פארמעקט!

איבער אונדזער
דאָרף
און שטאָט
האָט מען פון די בערג גערדאָט:
„זעט, סע לעשט זיך אונדזער זון,
און איר פירט די שיף צום גרונט״.

קאפּיטאַן!
דו האָסט געפֿאָלגט
אונדז,
די זין פֿון מי,
פֿון פֿאָלק!
איצטער הילכט דאָס גאַנצע לאַנד:
לעבן זאָל דער קאַפּיטאַן!

קאַפּיטאַן!
ס'איז שווימען שווער...
ס'פּרעסן הויכע יאַמען־בערג,
און פֿון ברעגן און פֿון רוים
שלאָגט מיט סינע און מיט שוים...
איבער
ווערסטן
פֿונעם יאַם
ברענט
און בלענדט
אַ ווײַסער פֿלאַם...
קראַפט און פּולווער
איז פֿאַראַן —
פֿיר אונדז ווײַטער, קאַפּיטאַן!

ביזן הילך פֿון לעצטן שאָס
וועל איך בלײַבן דײַן מאַטראָס.

ניט געוואַקלט.
קאַלט
און קלאָר —
פֿיר די שיף פֿון אונדזער דאָר!

## מיט הײַנטיקע אויגן

אָט גייט שוין, אָט איז שוין
דער דרײַצנטער מײַ,
ער שפּאַנט ניט באַזיגט,
ניט געבויגן,
ער שפּאַנט און ער פֿאָדערט אַף אַלץ
און אַפּסנײַ
אַ קוק טון מיט הײַנטיקע אויגן...

אַ מעסט טון מיט הײַנטיקע אויגן דאָס לאַנד,
און לאָזונגען הייסע אַ לאָז טון אין גאַנג,
אַ לאָז טון אין דאָמנעס, וווּ ס'זידט דער טשוהון,
אַ לאָז טון אין הייכן, ווי ס'קאָכט זיך די זון...
אַ לאָז טון אַ לאָזונג אין שטאָט און אין פֿעלד,
אַ לאָזונג אַ לאָז טון דער גאַנצענער וועלט...

אָט שפּאַנט אַף די שליאַכן
אַ ריי נאָך אַ ריי:
איינס, צוויי! איינס, צוויי!
פּטאַשעטשקאַ, פּטאַשקאַ, סאָלאָוויי!
לאָמיר די שווערדן שאַרפֿן!
מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט קיין לידער פֿון שניי,
פּלאַקאַטן אַף בראָנזע מיר דאַרפֿן...

דאָס דרײַצנטע יאָר נאָך אָקטיאַבער שוין שפּאַנט,
דער דרײַצנטער מײַ אינעם לענינישן לאַנד,
און ס'איז שווער און ס'איז נײַ,
און זעט, ווי ער פרייט זיך דער דרײַצנטער מײַ...
הערט, ווי עס קלינגט זײַן מעטאַלישע שטים:
וואָס מאַכן די שאַכטעס דאָנעצער?
וואָס מאַכט אוקראַיִנע?
ווײַסרוסלאַנד?
און קרים?
די וועלדער?
די סטעפּעס?
די פלעצער?

עס שפּאַנען די פעלדער א ריי נאָך א ריי:
איינס, צוויי! איינס, צוויי!
פּטאַשעטשקאַ, פּטאַשקאַ, סאָלאָוויי...

עס שפּאַנען די פעלדער אין פּלאַן פון פּאַרזיי,
זאַוואָדן — אין שפּאַן פון געוועטן,
און ס'לייגן זיך הרודעס אף פעלדער צעזייט,
ווי שורעס פון הייסע דעקרעטן...

מיט הײַנטיקע אויגן א קוק טון אף אלץ:
אף לידער, אף מיידלעך, אף בימעס...
אף ריזיקע שאַכטעס פון קוילן און זאַלץ,
אף זשום פון פאַרשאָלטענעם פּרימוס...

מיט נאַקעטע אויגן אַרויס אין די שטעט,
אָן ברילן! אָן ברילן איז בעסער,
און וועמען מע דאַרף, דאָ איז שענקען א גלעט,
און וועמען מע דאַרף — איז א מעסער...

טו א קוק אף די גאסן, א קוק טו און זע:
עס גיין אף די שליאכן א ריי נאָך א ריי
און ס׳הילכט א געזאנג,
א געזאנג, א געשריי:
פטאשעטשקא, פטאשקא, סאָלאָוויי...
איינס... צוויי...

איז ווער האָט די יאָרן צעווייט אפןווינט,
אין צימער, אין ווײַן און אין טרויער,
און ווער האָט די שענסטע מאנדאטן פארדינט
אף רופן זיך פּאָשעטע בויער...

ענטפערן פעלדער מיטן פעטן פארזיי,
שטאָטישע רויכן, וואָס פאלן ווי שניי,
ענטפערן האמערס פאר אונדז און פאר זיי
און בויער, ווי פאָלקן,
א ריי נאָך א ריי

איינס! צוויי!
איינס! צוויי!

זאלפן

# אין אטאקע

(לאָזונגען)

קאָפּשווינדל פון דערפאָלגן.
(אי. סטאלין)

ניט קיין טאָפּאָלן זיך בויגן,
ניט קיין ווינט, ווי פײַל פון בויגן,
טראָגט זיך איבער גאס.

היי, פּויליאקעס! היי, לײַדאקעס,
אין אטאקע! אין אטאקע
קעגן פּוסט און פּאס!

איבער שטעט און איבער סטעפּעס
שפּרייט זיך, הייבט זיך אונדזער עפּאָס,
דונערט אונדזער טראָט.

אין אטאקע! אין אטאקע
קעגן דאכקעס, קעגן נאקעט,
קעגן קלויז און גאָט!

איז ווער שלעפּט זיך דאָרט פונהינטן,
וויפל שטארקע און געזונטע
שפּאנען ניט אין שפּאן!

בלוט פון פּאָנעץ מאָנט און פלאקערט:
אין אטאקע! אין אטאקע
קעגן דעם בוריאן!

פון די בערגלעך ריטשקעס פליסן,
איבער דערפלעך לויפן גריסן,
לופטערן די לופט,

נו, קאָמביינען, זון און טראקטער,
אין אטאקע! אין אטאקע
קעגן באלעגוף!

רום און לויב אייַך, מייַנע רייען,
זאָל דער קאָפּ זיך ניט פארדרייען
אף די הויכע בערג.

בא דער גרענעץ זשאבעס קוואקען...
אין אטאקע! אין אטאקע
פאר דער גאנצער ערד!

# אין אַ מוזיי

איך זאָג אײַך דעם עמעס:
צו אַלטקײַט כ׳בין טויב שוין,
איך האַלט ניט פון טעמעס,
וואָס ליגן אין שטויב שוין...

איך זאָג ניט — ס׳איז נייטיק
אַרכיוון, מוזייען,
און זאָלן די סויטע
אין ווינקלען זיך שטייען.

און זאָלן זיך וויגן
פּאָרטרעטן בײַ טירן,
און זאָלן זיי ליגן
די אַלטע פּאַפּירן...

ס׳וועט שעפּן אַ דיכטער,
אַן אַלטער פּראָפעסער
דערפאַרונג, געשיכטע
אויף שפּיץ פונעם מעסער...

און קומען וועט שפּעטער
אַ דאָר פון די ווײַטן
און לייענען אַ בלעטל
פון בלוט און פון שטרײַטן...

און ס'וועלן זיך איינינקלעך
גרויסן און פרייען,
וואָס זיידעניוס הענגען
אף ווענט פון מוזייען...

און עפשער גאָר לערנען זיך
(ס'ניט קיין ביזאָיען!)
בא צײַטן בא שווערינקע
שטרײַטן און בויען...

כ'האָב ליב די מוזייען,
נאָר טויזנט מאָל ליבער
איז גאנג אין די רייען,
איז פעלדישער פיבער...

און וואָס קען זײַן בעסער
פון זון און פון ביימער?—
נאָר ס'האָט א פראָפעסער
פארשלעפּט אין מוזיי מיך...

א יונגער? אן אלטער?
כ'וועל קיינעם ניט זאָגן,
און זאָל דער פארוואלטער
קיין רויגעז ניט טראָגן...

איך וויל ניט זײַן קריוודע,
זײַן קנייטש פון די ברעמען,
ער וועט אין ארכיוו דאָך
מיך נאָכדעם ניט נעמען...

די זאלן, די מיטן
איך וועל ניט באריידן,
די אלטקייט דאָ היטן
צוויי נאקעטע מיידן...

אף ווענט און אין ווינקלען,
אין אלע פיר עקן
מאצייוועלעך טונקלע
און פּערעצעס שטעקן...

אין אָוונטן קילע
מע האָט דאָ געכאָוועט
אי דינעזאָנס טפילן,
אי פרוגס מאָגנדאָוויד...

מענוירעלעך הויכע
און אלעס און אלעס,
דער עלטסטער פּאָרויכעס
און מענדעלעס טאלעס...

און ווידער דאָ פינקלט
דאָס זילבערנע רעמל,—
דאָס הענגט אין א ווינקל
מײַן זיידע אוורעמל...

איך פרעג אין מוזיי דאָ:
געווען זײַנען שטרײַטן,
אז ס'זאָל דאָ מײַן זיידע
הירש לעקערט פארבײַטן?..

א בעכערל ביאַליקס
איז ליבער דאָ — כ'לאַך ניט —
פון ריזיקע כוואַליעס,
וואָס טראָגן די מאַכנעס...

איז וואָס וועלן וויסן
די דוירעס, די ווײַטע,
פון שלאַכטן, פון טפיסעס,
פון אונדזערע שטרײַטן?

און ווידער און נאָכעט
מיר מאָנען און מאָנען
פון אונדזער עפּאָכע
די שטאָלצע סימאָנים...

און זאָלן די ווײַטינקע
אייניקלעך זען,
ווי דוירעס זיך בײַטן
אין ווענט פון מוזייען...

געמאָרע און סידער
און האָדעסלעך האָסטו —
און ווו זײַנען, ברידער,
די בלעטלעך פון „ראָסטא"?

כ'וועל גאַנג מײַנעם העלן
באַ שטויב ניט פאַרשקלאַפן,
און זאָל ניט געפעלן
א פאָרשער מײַן שאַפן!

# א סאָף

ס׳איז נעפּל:
דײַנע רייד און דײַן ליבע און די שמייכעלעך אַלע, די זיסטע,
איך ווייס, ווער דו ביסט און איך קען אים, דײַן בײַכיקן טאַטן,
איך קען אים און קען דיך, און אַלץ, וואָס דו רעדסט, איז אומיסטן.
ווען ס׳וועט רופן דער גלאָק אינעם פעלד, וועסטו, באָכער, פאַראַטן,
איך ווייס.

ס׳איז גאָרניט:
האָסט צעשטעלט אַזוי קלוג פון די ווערטער די בליציקע נעצן,
און סע פינקלט דײַן אויג און סע יאָגט, ווי א רויבער, דײַן
גרויסער שווארצאַפּל.
ס׳איז גאָרניט, ס׳וועלן בליִען די טעג, ס׳וועלן טראָגן זיך נעכט
איבער רוישיקע פלעצער,
און אומזיסט איז דײַן וואַרטן — וועסט קיינעם ניט, קיינעם ניט
כאַפּן!

ס׳איז קלאָר.

מע זאָגט:
ס׳וועט באַמערקן דאָס אויג, וועט א מוסקולנע האַנט פון דער
נעסט דיך א ריס טון,
דײַן איך, ווי א בלעטל א דאַרס, וועט די צײַט, אָט די שטרענגע,
פאַרמישן,
דײַנע רייד און דײַן ליבע און די שמייכעלעך דײַנע, די זיסטע,
באַהאַלט! דעם עמ׳ס אהער, אף די נײַע, די ליכטיקע טישן!
א סאָף.

## אף שטיקעס

די וואָלקנס, ווי מאלפּעס,
זיך קרימען און דרייען,
עס רײַסן די זאלפּן
די וואָכן אפּצווייען...

מיט בלוטיקע אייגעלעך
ווינקען די כמארעס,
און ס'גרימפּלט דער שטייגער
אף אלטע גיטארעס...

טשוהון־טעג געזונטע
פונוויַטן שוין בליצן,
אוועק איז דער זונטיק
אף קלויסטערשע שפּיצן...

אף מיסטישע מיטעס,
אין אלטיטשקע שקראבעס,
אין שווייסיקן קיטל
זיך וואלגערט דער שאבעס...

און ס'טראָגן זיך מוטיק
און ס'הילכן באפעלן.
די טעג, אָט־די רו־טעג
צום ווענטל זיי שטעלן!

די טעג נאָר אין נעכטיקע
ביכער געפינסטו...
עס טראָגן זיך מעכטיק
דער מאָנטיק, דער דינסטיק...

א גליקלעכן שליטוועגס!
אין פריידיקע רויכן
זינגען די מיטוואָכס,
די דאָנערשטיקס אויכעט...

דעם שאבעס צעשאָסן!...
פארלוירן און זײַטיק
נאָך שלעפט זיך דער יאָסעם,
דער קורצינקער פרײַטיק...

מיט בלוטיקע אייגעלעך
ווינקען נאָך כמארעס,
און ס'גרימפלט נאָך שטייגער
אף אלטע גיטארעס...

און ס'קלינגען נאָך פלעשלעך,
עס פאָכן נאָך ריטלעך,
און קאָרטן צעטעשלט
די דילן באשיטן...

עס פײַפן נאָך פאסן
אף ווײַבערשע רוקנס
און ס'ליגט נאָך אף גאסן
א הוילע די צוקונפט...

און ס׳רוקט זיך פון ווינקעלעך
זשאווער און בליקן,
דארף מען איצט פלינקער נאָך
זאלפן צעשיקן!

מיר קאָנען אזוינע,
אזעלכע פארטרײַבן,
און זעען ניט סוינע,
וואָס ליגט אין די לײַבער...

וואָס ווינקט פון די ווענטלעך
מיט אלטע פאָרטרעטן,
דעם סוינע, וואָס פענטעט
מיט ניקעלנע בעטן...

❦

וואָס האָט אונדזער ווערט שוין
געבויגן, געבראָכן,
מיט וואָרט און מיט שווערד און
מיט ציילונג פון וואָכן...

אין פלאם און אין פרידן,
אין גאנג אין פארדרייטן,
דעם שטייגער נאָך שמידן
פארזשאווערטע קייטן...

מיט ווערטער און קוילן —
מיר שטייען, ווי ריזן.
די הוילקײַט, די פוילקײַט
אף שטיקעס! אף שפּיזן!

# אין טעאטער

וואַרעמע שטערן,
אַן אָוונט אַ פֿרישער,
אַ נײַער טעאטער מיט נײַע אַפֿישן.

ברענען די לאָמפּן
און לעמפּעלעך גלאַנצן,
זינגען אַרטיסטן און טענצערנס טאַנצן.

פֿון גאַסן און געסלעך
געיאָגט און געקומען,
די בענק און די לאָזשעס און אַלץ איז פֿאַרנומען.

אַ פֿריילעכע נאַכט
און פֿריילעכע שטערן,
גלוסט זיך דאָ אַלעמען זיצן און הערן.

נאָך וואָכן פון בויען,
נאָך אָוונטן מידע
זינגט מען שוין ווידער „קארמען" און „אַידע".

הודען די טרובעס,
וויינען די כאָרן,
דאכט זיך, אַידע איז עלטער געוואָרן.

דאכט זיך, קארמען איז געוואָרן שוין קילער,
דאכט זיך, די זינגערנס זינגען שוין שטילער.

קארמען און אַידע.
נאָכוואָס און פאר וועמען?
ווען וועלן קלינגען דאָרט אונדזערע נעמען?

אונדזערע נעמען ווען וועלן קלינגען?
טאנצן די טענצערס און זינגערנס זינגען.

מיר זײַנען געקומען
פון געסלעך און שליאכן,
מיר פרעגן און פרעגן, און פידעלעך לאכן.

פײַקעלעך באָמבלען
און ס'ציטערן פלייטן,
וויינט א קלארנעט אין טעאטער אין ברייטן.

זיצן מיר אלע מיט שײַן אף די ברעמען.
ווען וועלן קלינגען דאָ אונדזערע נעמען?

ווארעמע שטערן.
אן אָוונט א פרישער,
א נײַער טעאטער מיט נײַע אפישן.

# זאלפּן

מעגן ווײַבער אַלטע
זידלען זיך און וויכערן,
אַלע מײַנע זאַלפּן
שיק איך הײַנט אין קיך אַרײַן...

היט זיך, יונגע טעכטערלעך,
אַלטע ווײַבער, היט זיך!
ס׳וועלן מײַנע ווערטער זײַן
ביטערלעך און בליציק...

מומעניוס און פעטערלעך,
ראַטעוועט די הינדעלעך!
אַלע קיכן שמעטער איך,
אַלע קיכן צינד איך הײַנט...

אוי, די קיכן אַרן מיך
מיט די טעפּ און פּרימוסן,
מיט די דאַרע באַרלעך
פון דער באָבעס צימערן...

זייער סאָף דעם קאַלטן
ווי זאָל איך פאַרגיכערן?
אַלע מײַנע זאַלפּן
שיק איך הײַנט אין קיך אַרײַן!

בעט איך הײַנט אײַך פֿריִער
אַלע קיכן עפֿענען,
זאָלן זאַלפֿן פֿליִען,
זאָלן זאַלפֿן טרעפֿן הײַנט

אין די גרויע שויבן,
אין די שוואַרצע קײוועראַלעך,
זאָלן זײ צעשטויבן
רויכעדיקע אײוועלעך!

זאָלן זײ צעקנאַקן
אָט די טעפּ, די נימעסע,
זאָלן זײ צעהאַקן
אין דער ערד די פּרימוסן!

אין די ברײטע ביטן,
אין די װינקלען קילע,
וווּ די װײַבער היטן
(טאָמער, כאַס־כאַלילע,

וועט די מאַכט ניט סטײַען)
קעראָסין זאָל קלעקן...
ווער וועט דעמאָלט לײַען?
ווער וועט דעמאָלט שטעקן?

זאָלן זאַלפֿן צילן
אינעם גיפֿט פֿון בליקן!
פּענטעס פֿון רעכילעס
זאָלן זײ צעפּליקן!

זאָלן זײ צענעריקן
פֿליאָטקעס פֿון די שכײנעס,

זאָלן וואָכן בערדיקע
ווערן קלאָר און ריינער!

זאָלן זאלפּן רעגענען,
רעגענען אָן אופהער,
איבער נײַע וועגן הײַנט
זאָלן רויכן לויפן!..

שוין גענוג אינצווייען
בייגן זיך און מאטערן,
זאָלן פרויען גייען
ארבעטן אין ראט ארײַן!

איבער כורוועס־אויוונס
שוין גענוג צו ציטערן,
זאָלן פרויען לויפן
לויפן אין נארפּיט ארײַן!

שוין גענוג צו קלאָגן,
וויינען אף די יאָכן,
זאָלן פרויען טראָגן
ציגל דער עפּאָכע!

רײַסט אראָפּ די טיכלעך,
מעקט אראָפּ דעם זשאווער,
יעדער, יעדער קיכנע
מיטן לאנד זאָל פראווען!

לאָמיר הײַנט באפוילן
מיט א קאָל א זיכערן:
אלע שארפסטע קוילן
שיקן הײַנט אין קוך ארײַן!

## זײַט פאַרשאָלטן!

... אויגן צווײ, ווי לאָמפּן ברענען,
אױף מײַן פּאָנעם
אױף מײַן שוואַרצן.
... כ׳גײ אַרום
ווי אין אַ געגנעם,
מיט אַ רויטער
קויל אין האַרצן.

גאַסן דרייען זיך
און פינקלען,
און מע פירט מיך
ווי אַ בלינדן,
און זיי ווײַזן און זיי ווינקען:
זעסט די גאַס
„אונטער־די־לינדן".

און מע פינטלט,
און מע טײַטלט,
און מע הויבט זיך,
און מע גרויסט זיך,
זעסט:
ווי ס׳ברענען דאָ די ווײַטן.

זעסט:

וי ס׳גלאַנצט באַ אונדז
דער דרויסן!

הערסט:

וי ס׳קלינגען דאָ די נעמען!
— „ווו איז שענער און באַ וועמען?"
— „זעסט די גאסן, זעסט די קראָמען?"

ווייסט דער טײַוול זייער נאָמען!

ווערט מיר ענג
אף שליאַך אף בּרייטן,
און סע ווילט זיך
אַ געשריי טון:
שיינע
גאַ־אַ־אַס
„אונטער־די־לינדן"
ווער צעפּלאַצט
און ווער פאַרשווונדן!
און מײַן בּלוט צעשרײַט זיך טאַקע.
כ׳טו אַ קוק:
איך בּין גאָר נאַקעט!
אוי, ס׳אַ טאָעס,
אוי, ס׳אַ טאָעס:

מײַן שינעל אף מיר ניטאָ איז,
כ׳האָבּ אים לאַנג געלאָזט אין שטעטל
מיט די לײַז און מיט די העמדער.
כ׳בּין אליין באַ זיך אַ פרעמדער.

אַ ציגאַר אַ גראָבּן כ׳רויכער,
ס׳וואַרגט דער קאָלנער מיך
דער הויכער.

ס׳דריקט מײַן קאָפּ מיר
דער צילינדער.
ס׳פּרעסט דער פראַק מיר
מײַנע גלידער.
און די גלידער דרימלען,
דרימלען,
כ׳גיי ארויס
און זוך א ברודער
אונטער שווארצע פרעמדע הימלען...

כאָטש א פרײַנט,
א פרײַנט א ווײַטן
אין צעריסן אלטן אָנטון
מיט אן אומרו א פארשײַטן.

א געשריי טון
און א מאָן טון:

ס׳איז צו שיין דאָ,
ס׳איז צו בלוי דאָ,
זאָל די שטאָט
זיך טון א הוידע
און א הודע!
צײַט שוין!
צײַט שוין
הערצער,
קעפּ
און ביקסן ברענען,
פעטע דײַטשן,
רײַכע דײַטשן
אף בערלינער סטויפּעס
הענגען!

הענגען, הענגען הויך די שטערן,
מענטשן פרעמדע גייען, גייען,
דאכט זיך, אז די שטערן זעען,
דאכט זיך, אז די גאסן הערן,
און די גאסן, דאכט זיך, זאָגן:
„ביסט א בלינדער, — גיי צו בלינדע,
דאָ איז דײַטשלאנד, ס׳איז בערלין דאָ!“
פלוצלינג הער איך ערגעץ ברומען:
„ניט אהער ביסטו געקומען!
ס׳איז דײַן פאָלק אין די פאבריקן,
די מאשינען
זויגן,
זויגן,
און די רעדער
וויקלען,
וויקלען
לעצטע פײַערלעך פון אויגן“.
— — — — — — — —

ס׳איז צו שיין דאָ,
ס׳איז צו בלוי דאָ!
זאָל די שטאָט
זיך טון א הוידע
פארבן שיינע,
פארבן זיסע —
ס׳איז א קיווער,
ס׳איז א טפיסע!
אָטעם מײַנער,
אָטעם פרײַער!
פראק אראָפּ
און פראק צעריסן!
דעם צילינדער אפן פײַער!

כ׳לויף צו וועדינג,
צו
ניי־קעלן.
ס׳וועט נאָך העלן!
ס׳וועט נאָך העלן
דאָרט, ווו טונקלער זיינען שיינען,
דאָרט,
ווו נויט און הונגער ברומקען,
דאָרט,
ווו הענט און אויגן טיינען
מיט דער מאכט פון טויט און אומקום.
— — — — — — — — —
כ׳יאָג אהינצו,
כ׳פאָר א מידער.
אווטאָס,
באנען
און טראמוויִען!
פירט מיך אָפּ צו מיינע ברידער
און פון דאָרטן וועל איך שרייען,
שרייען,
ברעכן
און צעשטערן.
ס׳וועט מיין קאָל
די הימלען
שפאלטן!
פרעמדע זון
און פרעמדע שטערן,
גלאנץ פון רייכקייט
און וויטרינען —
זייט פארשאָלטן,
זייט פארשאָלטן,
אויב איר קאָנט מיין פאָלק ניט דינען.

## דער לעצטער דאָר

א מאטאָנע מײַן רײַכן
פעטער אין אמעריקע.

איך בין בא אײַך קײנמאָל ניט געװען,
איז שװער מיר װעגן אײַך צו ריידן;
ס'הענגט געװיס נאָך בא אײַך די זון,
װאָס האָט געװאָרעמט אײַער זיידן.

ס'איז נאָך ניט פאַרטיק אונדזער שיף
א לאָז טון זיך אף װײַטע יאמען,
שרײַב איך אײַך דערװײַל א בריװ,
א שטילן בריװ אין שטילע גראמען.

איך װײס, אין רו פון הויכע װענט
דערטראָגט איר רויִק אײַער לעבן,
קײן אומרו האָט אײַך ניט געברענט,
קײן פײַער האָט אײַך ניט געטריבן.

ס'איז אײַער גאס פאַרפלײצט מיט שײַן,
פאַרבלענדט זי אײַך די זאטע אויגן,
איר האָט גענוג אי ברויט אי װײַן
און זײַנט געװוינט די פלייצעס בויגן.

אויב ערגעץ לעבט אין אײַך א פלאם,
איז קאלט דער פלאם, ווי די לעוואָנע,
נאָר מירן שפּאלטן אײַער יאם,
און יעדן ברענגען א מאטאָנע.

ס'איז נאָך ניט פארטיק אונדזער שיף
א לאָז טון זיך אף ווײַטע יאמען,
שרײַב איך אײַך דערווײַל א בריוו,
א שטילן בריוו אין שטילע גראמען.

מיר האָבן פרײַנט אין אײַער לאנד,
נאָר זיי וועל איך אצינד ניט שרײַבן;
אין אײַער פאל, אין אײַער שאנד
איניינעם וועלן מיר אײַך טרײַבן.

און פליט אף מאָטאָס, פליט צופוס,
און זאָל אײַך גרינג זײַן אײַער פאלן,
מיר טראָגן אײַך א הייסן גרוס
פון טולער שנייִקע וואָקזאלן.

איר האָט געהערט אמאָל פון זיי
(איך וואָלט אף גאָר זיי ניט פארביטן),
מיר וועלן ברענגען טולער שניי
און אײַער פרייד מיט אים פארשיטן!

איר בלאָנקעט אום פון גאס צו גאס,
אף געלע ליפן טויטע שלעסער,
און אײַער הארץ גייט אויס פון קאס,
אין אײַער האנט — א גרייטער מעסער.

ווי קאָנט איר זעען, ווי מע בויט,
ווי ס׳ברענט די זון אין סטעפּ אין קאלטן?
איר זײַט פון לאנג, פון לאנג שוין טויט,
מ׳האָט נאָר פארגעסן אײַך באהאלטן.

מיר לייגן שטאָלץ דעם ערשטן שטיין
אין לאנד אין פראָסטיקן, אין שטילן,
און שטומפּיק זײַנען ב׳אײַך די ציין,
איר קאָנט אפילע שוין ניט בילן.

איר ליגט זיך שטיל און רויִק דאָרט,
אין קאנט אין ראשיקן און בלינדן,
אפילע דאָרט איז אונדזער וואָרט
אין הערצער טויזנטער צעצונדן.

באם אלטן פּאָרעץ בייזע הינט
אין אלע הויפן אף די קייטן,
נאָר גייך, נאָר גייך א מאָסקווער ווינט
וועט אײַך אף יענער וועלט באלייטן.

ווי קאָנט איר זעען ווי מע בויט,
ווי ס׳ברענט די זון אין לאנד אין קאלטן?
איר זײַט פון לאנג, פון לאנג שוין טויט,
מ׳האָט נאָר פארגעסן אײַך באהאלטן.

ס׳איז אײַער שימלדיקער טײַך
מיט שטויב פון איינזאמקײַט פארשאָטן,
ס׳איז אונדזער יאָנטעוו ניט פאר אײַך,
פאר אײַך איז אונדזער פרייד פארבאָטן.

## ווידער ווינטער

ווידער ווינטער אי דאָ שוין, אי דאָרט,
א שניי פאַלט א קילער אפּסניי.
וואָס־זשע קלינגט אזוי ווארעם דאָס וואָרט,
דאָס ראשיקע וואָרט —
שאנכיי.

זײַנען ווינטערדיק הײַנט מײַנע טריט,
גלוסט זיך יאָגן אהער און אהין,
נאָר סע ברויזט אזוי גרויזאם דאָס בלוט,
דאָס פארגאָסענע בלוט
אין נאנקין.

ס'האָט נעכטן געווארעמט די זון,
און איצט פאַלט שוין ווידער א שניי,
פאר אַלץ, וואָס איז דאָרטן געווען,
טוט אזוי וויי.

מישט זיך די נעכטיקע פרייד
מיט הײַנטיקן בלוט פון נאנקין.
מײַן הארץ, ווי א באָמבע איז גרייט
א פּלי טון אהין...

כ'וואָלט דעמאָלט געטון א געשריי,
און ס'וואָלט דעמאָלט צעיאָגט זיך מײַן שווערד.
ניט אין זון, ניט אין רויך, ניט אין שניי,
נאָר אין בלוט וואָלט געשווומען די ערד.

.1927

# גיך איז מײַ

א טאָג, א וואָך.
און גיך איז מײַ.
סע שמעקט מיט פרילינג און מיט דאָרעם,
נאָר ווײַט אין גאָענטן קיטײַ
איז רויש, איז ראש,
איז בלוט
און שטורעם.
איך האָב זי ליב, די פרישע שאָ,
די שאָ פון אומרויִקן ווארטן,
ווען אלץ איז דאָ,
און ס׳איז ניטאָ,
און אלץ קומט אָן אין רויך פון שלאכטן.

די שמאָלע אויגן זעען ווײַט
אונטערן רויך פון טונקלע ברעמען,
די קויל איז גרייט
און פליט פארשײַט,
און טרעפן קאָן זי...
— — — — — — —
ווער ווייסט וועמען?...
— — — — — —

נאָר טרעפן וועט זי פאָרט אהין,
ווו מ׳האָט דעם ווייִ אזוי געצויגן;
און היט זיך, לאָנדאָן און פעקין,
פאר יענעם ברויז פון שמאָלע אויגן!

מארט, 1927 י.

# דרײַ מאָל באוואָרנט

נאכט.
שפּעט.
נאכט, שפּעט.
שלאָפן די וועלדער, שלאָפן די שטעט.
זומער.
צימער.
עמעצער רעדט.
עמעצער רעדט. ווער רעדט אזוי שפּעט.

די פענצטער פארמאכט, פארשלאָסן די טיר.
ווער רעדט עס באנאכט צו מיר?
ס'גייט א קאָל פון יענער זייט שוועל,
ס'רעדט, ס'רעדט מיין אלטער שינעל.
מיין אלטער שינעל פון טאָג און נאכט
אין גרויסן שלאכט.

מיין אלטער שינעל אין ווינקל הענגט,
ער האָט זיך נאָך רויק פארבענקט.

זאָגט דער שינעל צו מיר אזוי:
אין צימער איז שטיל, אין צימער איז גרוי.
נאכט און רו,
איך און דו,
דאָ איז לאנגווייליק, דאָ איז שווער,
הער, ווי ס'רוישן די לענדער, הער!

הער, ווי סע יאָגן די הערצער געשווינד,
זע, ווי סע גרייט זיך קייט און קינד,
זע, וויפל נעצן מע שפינט און מע שפינט,
זע, ווי דאָס ראטנלאנד בליט און גרינט,
זע, וויפל נעצן מע שפינט און מע שפינט —
שלאָף
ניט
אצינד!
און ס'טוט זיך א ריס פונעם אָרט מיין שינעל,
א יאָג פון דער שוועל,
ער טוט זיך א שטעל,
און שרייט צו מיל דול, און שרייט צו מיר העל:
זע, ווי סע גרייט זיך די גאנצע וועלט.

— קום אין פעלד!
— קום אין פעלד!

זאָג איך צו אים:
רויק זײַ,
מײַן לאַנד איז באַוואָרנט מיט הערצער און בלײַ,
און יעדער ווערסט און יעדער סטעפּ
איז דרײַ מאָל באַוואָרנט מיט אונדזערע קעפּ.

זאָג איך צו אים:
מיר האָבן גערוט,
ווײַל ס'האָט אונדזער לאַנד ניט געדאַרפט אונדזער בלוט,
ס'וועט קומען די צײַט, ס'וועט קלינגען די שאָ,
וועסטו מער שוין ניט הענגען אין ווינקל אָט־דאָ,
וועסטו ליגן אף פּלייצעס פון איינעם א העלד
אף רויכיקן פעלד,
אף בלוטיקן שניי,
מיטן העלד וועסטו זײַן, ווי ברידער, ווי צוויי.
הענגט אף מײַן פענצטער א נאַכטישער צווײַג,
ליגט בא מײַן פענצטער א בלייקע ערד.

דער שינעל שווײַגט,
דער שינעל הערט,
ווי סע פליט, ווי סע דרייט זיך
און דרייט זיך
די ערד,
ווי פרי און שפּעט,
ווי פרי און שפּעט
גרייטן זיך אונדזערע פעלדער און שטעט.

פון לענע ביז וואָלגע, פון אײַז־יאַם ביז דניעפּר
גרייטן זיך טויזנטער, טויזנטער קעפּ!

# גרוזיע

.1

הייסע בערג און קאלטע טאָלן,
גרוזיע!
גרוזיע!
שיינער קאנט!
סאקליעס, ביימער און אַולן
האָט צעזייט דאָ
אין די טאָלן
א געניטע פעסטע האנט.

ווער וועט איצט אין גרוזיע בלאָנדזען?
בערג...
און בערגעלעך...
מע קאָן זיי...
ס'איז דער דרויסן קלאָר און ברייט,
ס'האָט די זון מיט ווייכער בראָנזע
וויַטע שעטעכן פארשפרייט...

זון
אוּן פעלדז
אוּן בערג
אוּן טאָל, אוּן
שטענדיק הילכט
אוּן שטענדיק רופט,
אוּן, ווי מילן, ווינטן מאָלן
די צעגליטע קלאָרע לופט.

סעדער ווײַטע,
סעדער ברייטע,
בלויקײַט הוידעט
זון אוּן רוים,
הויכע טאָפּאָלן צעזייטע
האָבן וועג אוּן טעג באַזוימט...

קלינגט
דער ווינט
מיט העלע שווערדן,
ליפּט דער ווינט
אוּן מאָלט אוּן מעקט,
אוּן ווי יונגע שלאַנקע פערדלעך
טופען טאָפּאָלן באַם וועג...

אָף די קעפּ פון ווײַסע כאַטעס,
ווי פּאַפּאַכעס, דעכער ליגן,
יונגע זין
אוּן אַלטע טאַטעס
איבער טאָפּאָלן זיך וויגן,
איבער טאָפּאָלן צעהאַנגען
האָט דער פײַנט זיי אָף אַ שטריק.

זײַנען
יאָרן
זיך צעגאַנגען
נאָך געשלעג
און נאָך געראַנגל,
הענגען זיי נאָך
דאָרט
צעהאַנגען
מיט אַ בייזקייַט
אינעם בליק.

יאָרן לאַנג אין ווי געלעגן,
גרוזיע! גרוזיע!
בלוי און בערג...
אונטער זונען גרוי און שווער
האָט געהוידעט זיך איר וויגל
אויף דער פליִענדיקער ערד,
ווי אַ טרונע אין די בערג...

הויכע שנייען דרימלען, גלאַנצן
אויף די בערג־שפּיצן פון קאַנט,
און קינזשאַלן הוליען, טאַנצן
אין אַ דראָענדיקער האַנט,
זונען גליִענדיקע, העלע,
זײַנען אָפּגעגאַן מיט בלוט,
און אויף דוירעסדיקע פעלדזן
האָבן וואָלקנדלעך גערוט.

...איז געגאַן אַזוי אַ גאַנג,
ביז דער סוינע, ווי אַ שלאַנג,
האָט די גרוזיע־בערג באַרינגלט
מיט אַ דויערדיקער שלאַכט...

האָבן
בליצן
זיך צעשפּרונגען
אַף די לײַוונטן פֿון נאַכט...
זײַנען טאָפּאָלן געפֿלויגן
די צעהיצטע
פֿערד אַנטקעגן,
און אַ פֿלאַקער האָט פֿאַרצויגן
אַלע בערג
און אַלע וועגן...

ווי די רעדער איבער בריקן,
האָבן שלאַכטן זיך געוויקלט,
ס'זײַנען בערג געוואָרן די הײם,
בייזע קראָען פֿליִען פּיקן
טויטע אויגן מיט געוויין...

לאַנגע ווינטערס,
לאַנגע זומערס
האָבן ווײַבעלעך געוואַרט
און געגרייט זיך הייס און צאַרט
און געקוקט אַף ווײַטן באַרג...

...זון
און פֿעלדז
און בלוי
און בלומען...

האָבן פֿעלדזן זיך פֿאַרטראַכט:
— ווען די מענער וועלן קומען
ווייסט דער טערעק און די נאַכט...

טעג אנטלויפן,
טעג פארשווײַטע
ס'איז אין גרויזיע ווידער שטיל.
לויפט דער טײַך פון בערג, פון ווײַטע,
לויפט און דרייט א נײַע שפּיל...

נײַע לידער אין די וויגן,
נײַער זילבער אין די בערד,
אין די שטאלן רוען פערד,
דער,
וואָס איז
אין טאָל
געלעגן —
בויט
די צוקונפט
אף די בערג!

רײַך איז גרויזיע שוין מיט ברייטקײַט
און מיט קלאָרקײַט און מיט זון,
נאָר די ווילדקײַט די צעשפּרייטע
מעסט און פרעסט און פרעסט מיט ווייטיק
דער בעטאָן און דער טשוהון...

נאָר מיט שיינקײַטן צעזייטע
איז זי רײַכער נאָך פון רײַך...
פלינקער
אומרויִקער
טײַך
שלאָגט
פון בערג
מיט בײַטשן שווערע.

ס'איז זײַן וואסער
הויך
און קלאָר.
רײַסט דער טאנצנדיקער טערעק
זײַנע ברעגן פאר די האָר...

איבער
אלע
גרוזיעס
טײַכן
שטיפט זײַן קלינגענדיקע שטים,
דרייט זיך
טערעק,
בלישטשעט,
גלײַך ווי
שפיגלען ברעכן זיך אין אים...

בלינדע אייגעלעך פון שויבן
בלינדלען, בלענדלען נאָך די נעכט,
שטערן קילע, ווײַסע טרויבן
פאלן רײַפע אף דער ערד...

טרויבן בליִען
ווינטן שאלן,
לידער יאָנטעוודיקע
פאלן
אף די סאקליעס,
אף די שטאלן.
נאָר דיביימער שטייען שטום.
ווי גרוזינישע קינזשאלן,
הענגען צווײַגן אומעטום...

סטאָפּ! גענוג! עס איז שוין קלאָר:
ס׳וועט אַ קריטיקער זיך וויצלען,
פּונקט אַזוי ווי פּעפּער איציק,
האָט באַזונגען שוין זיין דאָר
כאַוער פּושקין פלינק און בליציק
נאָך צוריק מיט הונדערט יאָר!..

זאָל ער פלאַפלען! זאָל ער... כ׳פלי!
ס׳איז די צייט אַזאַ מין פלינקע,
ווען פּאָעמע מ׳האָט אָט־די
נאָך געקלאַפּט אויף מיין מאַשינקע,
האָבן בליציקע טראַמוויען
מיך געטראָגן פון מיין גאַס,
כ׳האָב געכאַפּט אַ העפט אַ נייעם
און אַנטלאָפן קיין דאָנבאַס...

שטראָמען
יאָגן,
ווי טאַבונען,
איבער דורכזיכטיקער ברייט,
ס׳האָט אַ הויך מיט טויזנט זונען
איבער גרוזיע זיך צעשפּרייט...
סטאָפּ!

גענוג אויף וועגן ברייטע...
שטעל זיך אָפּ!
גענוג געשפּאַנט!

...ס׳איז אַ גרוזיע דאָ אַ צווייטע!
גרוזיע!
גרוזיע!
גרויער קאַנט!

.2

ווער־זשע איז זי אָט די גרוזיע ?
ווער־זשע זיינען די קאזבעקן ?
ניט קיין שטאָט און ניט קיין שטעטל,
ניט קיין כוטערל אפילע...
ס'איז אזוי א גרויליך ווינקל,
ס'איז אזוי א ביסל עקל,
וואָס די שטאָט האָט אויסגעשפּיגן
אף די שטעטליך אף די שטילע...
ווער־זשע זיינען זיי די גרוזיעס ?
ווער־זשע זיינען די קאזבעקן ?

ס'איז א גרוזיע דאָ א צווייטע
און א זעקסטע און א צענטע,
ניט קיין סאקליעס און אוּלן
האָט א פעסטע האנט צעזייט דאָ,
ניט די זון, די דאָרעם־זון
די קילע כאטקעליך געברענט האָט.
ס'האָט א שאָטן, ווי מיט דראָטן,
קילע כאטקעליך געפּענטעט —
האָט דער שטורעם קאם באַרירט זיי
מיט די פּאָלעס, מיט די ברייטע...

ווארטן זיי ביז קאָל וועט רופן:
— העק און פּעק און זעק און שטעקנס,
נעמט און קומט פון אלע עקן,
נעמט און טראָגט און יאָגט פונדאנען !
פון די גרוזיעס, פון קאווקאזן,

פון די פיסקעס און קאזבעקן
רופן טײַכן, רופן שאכטעס,
רופן קוימענס, רופן באנען,
רופן שטעט אײַך און פאבריקן,
רופן צען בירא־בידזשאנען!

וואָס געבליבן איז אין גרוזיע?
ניט קיין טאָפּאָלן קיין שלאנקע,
ניט קיין טרוימערישע שײנקײַט,
ניט קיין כאָלעם־קיפּאריסן...
קרומע קוימענדלעך א בינטל,
קרומע ביימלעך, שטומע, קראנקע,
זיבן כאטקעס, פינעף שטיבלעך,
צען פארשאָטענע זעמליאנקעס
און א הימל ווי אן אלטע,
ווי א לעכעריקע שיסל...

ווער געבליבן איז אין גרוזיע?
פעסטע? יונגע? אלטע? קלוגע?
מ׳איז געווען דאָרט, מ׳האָט געזען,
מ׳האָט געוויגן און געמאָסטן,
ס׳איז געווען די לעצטע ליאמע,
מ׳האָט באלייט די בעסטע יוגנט,
איז די יוגנט זיך צעלאָפן,
אי מיט וואָגנס, אי מיט צוגן,
ווער קיין קרים און ווער קיין טולע,
ווער קיין בירע, ווער קיין מאָסקווע..

ווער געבליבן איז אין גרוזיע
אונטער אירע פוילע דעכער ?
גאָלדע פּי מיט די נעקייוועס
און בענדיוזשניקעס דרײַ אירע,
אַלטע סעדעכעס א בינטל,
אנדערהאלבן אַלטע בלעכערס,
קאָרטן־שפּילערס, צוויי־דרײַ היצעלס,
קאטערינשטשיקעס און שפּרעכערס,
און א לערערל, וואָס זוכט שוין
אין דער שטאָט א נײַע דירע...

ס'לויפן דאָ ניט אום קיין רײַטערס,
ס'רוישט דאָ ניט דער אַלטער טערעק,
נאָר די כעוורע זײַנען פעסטע
און די מיידלעך זײַנען שלאנקע.
זײַנען אלע דאָ געוואַקסן,
איז געוואָקסן אויכעט בערע,
אָט דער בערע, וואָס אין וואָכן,
וואָס אין טעג אזוינע שווערע
האָט אף ווענט געשריבן לידער
און געזונגען אף די גאנקעס...

און געלעבט האָט ער פאוואָליע
אין דער פאָרשטאָט פון שווארץ־טומע,
און געוווינט דאָרט האָט רעגינע
די פארבראָנזעטע גרוזינקע,
פלעגן ביידע אף די בערגלעך

ליובן נעכט און ליובן זומערס,
ס'איז אוועק די צייַט פון שפרינגען
איבער גרוזיעס וועגן קרומע,
אין שווארץ־טומע בא דער ארבעט
גייען אירע טעג די פלינקע...

איז אזוי געבליבן בערע
א בענדיוזשניק און א דיכטער,
דארע שקאפקע פלעג ער טרייַבן
און דערבייַ א לידל מאכן,
און רעגינע איז געשטאנען
צווישן ארבעטער א מאכנע,
פון פאבריקל פלעג רעגינע
קומען, טרעפן אים ניט ניכטער,
פלעגןביידע זיך צעלויפן
ווי ס'צעלויפן זיך די שליאכן...

און געלעבט האָט אויך דאָ זשאָרזשיק,
אָט דער גאנעוו דער קודלאטער,
וואָכן דרייַ נאָר אף דער פרייַהייַט
און דאָס גאנצע יאָר אין טורמע —
זשאָרזשיק גאנעוו מיט דער קוטשמע,
ווי „א לעץ פון א טעאטער”.
קענען קען אים גאנצע גרוזיע,
יעדער קינד פון יעדער כאטע,
יעדער היצעל, יעדער שפרעכער,
יעדער הורקע, יעדער פורמאן...

איז אוועק די בעסטע יוגנט
פון דער וויאַנענדיקער געגנט,
אף די פּראָנטן, אף די שלאַכטן
קעגן נויט און קעגן נאַקעט,
און אין גרויזיע הערט מען אָפט נאָך
ווילדע קוילעס אף די וועגן,
צווישן זשאָרזשיקן מיט בערען
גייען גרויזאַמע געשלעגן,
גייען ביידע איבער גרויזיע
מיט לאַמטערנס אף די באַקן...

זינגען ווילט זיך און דערציילן
ניט פון דעם, וואָס איז פאַרשוווּנדן,
ניט פון דעם, וואָס איז אַנטלאָפן,
ניט פון דעם, וואָס איז געפייגערט, —
ס'ווילט זיך זינגען און דערציילן
פון אָקטיאַבערשן יאָרהונדערט...
אפן קערפּער פון מײַן הײמלאַנד
גליִען איינעכטיקע וווּנדן,
אף דער שיינקייט הענגען וואָלקנס
ווי צעפליקטע שטיקער שטייגער...

איז אוועק די בעסטע יוגנט
אף די מוירעדיקע שלאַכטן
אין די שטעט און אף די פעלדער
קעגן נויט און קעגן נאַקעט.
הערט מען קוימענס נײַע הודען,

הערט מען שטעטלעך נײַע לאַכן
נאָר אַף לויטער־שיינע לײַבער
און אַף יאָנטעוודיקע שליאַכן
זיצן גרוזיעס און קאַזבעקן
און קאַוקאַזן ווי די מאַקעס...

ניט פון גרוזיעס און קאַזבעקן
ווילט זיך זינגען און דערציילן,
נײַע שטאַרקײַט כ׳וויל הײַנט ליבן,
נײַע שיינקײַט כ׳וויל באַווײַזן.
יאָגט אַ קאָל פון אַלע עקן:
— לאָמיר היילן! לאָמיר היילן!
וווּנד פון גרוזיעס און קאַזבעקן
— לאָמיר היילן! לאָמיר היילן!
אי מיט ווערטער, אי מיט פולווער
אי מיט קאָרן, אי מיט אײַזן...

ס׳איז אַ גרוזיע דאָ אַ צווייטע
און אַ דריטע, און אַ פערטע,
אַ קאַוקאַז און אַ קאַזבעק
איז אין די שטעטלעך אויך פאַראַנען,
פרײַ דאָרט, ווײַט דאָרט און פאַרשלײַדערט
פון די שליאַכן, פון די באַנען,
הינטער שטאָט און הינטער שטעטלעך,
ניט אין סעדער, ניט אין גערטנער
ליגן גרוזיעס און קאַזבעקן
בא די שטעטלעך ווי קורגאַנען...

.3

ס'איז געווען אין טעג אין יענע נאָך,
ווײַטע צייכנס, בלייכע ברענען נאָך,
ווײַטע צייכנס, דינע רויכעלעך
טליִען נאָך אין גרויזיעס מויעכלעך...
...טעג אנטלאָפענע, טעג פארפאלענע,
יענע טעג געדענקען אלע נאָך,
געסלעך, געסעלעך, טײַכלעך, שטיינדעלעך,
יאָר דאָס נײַנצנטע ווער געדענקט דען ניט?

— — — — — — — — — — — — —

...אז אין גרוזיע איז א כאסענע,
טאנצן כעוורע אויסגעלאסענע,
טאנצן ווייַבער, טאנצן יידעלעך,
ווייַסע טשיפּיקעס, רויטע קליידעלעך,
דרייט זיך גרוזיע, טאנצט א שיקערע
אלעסאָנים אף צעפּיקעניש...

אף א טישל א דרייַפיסיקן
טרינקט מען שנאפּס און ווישניאק זיסינקן,
בראָנפן, ביר און ווישניאק רויטינקן
אף א טישטעך אף א קויטיקן...
הוליע, גרוזיע, קוואס ניט טייַער איז,
טאנצט א פריילעכס און טאנצט א פייַערדיקס!

גרינע אוגערקע, רויטע מאלינע,
איַי, ס'א כאָסנדל, איַי ס'א קאלעניו!!!
ס'האָט דער ווישניאק הייַנט ניט צעגאָסן זיך,
ניט צעגאָסן זיך, ניט צערוגען זיך,
בערע, בערעניו איז דאָס כאָסנדל,
און די קאלעניו איז רעגינעלע!

בלינדע קלעזמער, טענער שיקערע,
בראָנפן ביטערער, האָניק שיטערער,
פיש געפּרעגלטע, גענדז געבראָטענע,
בולקעס ווייַסינקע, ברויט געראָטענער,
ברוינע בארוועדנס, בעסטע סארוועדנס,
קאטערינשטשיקעס, קאָרטן־ווארפערנס, —
זייַנען אלע דאָ, אלע־אלע דאָ.
רויטע, שיקערע און פארפאליעטע
ווייַסע העמדעלעך, שווארצע פלודערלעך,
קוילעס שווענקען זיך, פליעסקען לידעלעך.

— היי, גרוזינקעס, וואָס־זשע זינגט איר ניט?
— היי, גרוזינער, וואָס־זשע טרינקט איר ניט?
איז קיין ווײַן ניטאָ? איז קיין ביר ניטאָ?
ס׳איז רעגינעלע א גווירנטע!...
— נו א מאן, א באָכער האָט זי שוין!

— Эх, ты яблочко, куда котишься?

בערע שיקער איז, בערע דרייט זיך שוין!
— איַי, א כאָסנדל, איַי, א פלייצעלע!
מאמע בערעלעס זיצט אן אלטינקע,
אזא געלינקע, אזא קאלטינקע.
מאמע בערעלעס זיצט אין ווינקעלע,
ציִען וועט זי נאָך ווינציק, ווינציק שוין,
עפשער וואָכעלעך, עפשער טעגעלעך,
מ׳האָט געבראכט זי אף א וועגעלע...

אלע טאנצן, אלע דרייען זיך,
אלע שפרינגען, אלע פרייען זיך,
נאָר רעגינע זיצט און פרייט זיך ניט.
שנאפס און ווישניאק, ווײַנען רייצן ניט,
גאָלדע פי, דער קאלעס מאמעניו,
ניט געקומען איז אפן ליאמעלע...
אוי, די מאמע ניט געקומען איז,
מיט נעקייוועלעך זי פארנומען איז,
ניט געקומען איז אויך איר טאטעניו,
אוי, א מאמעניו, אוי, א טאטעניו!
ניט געפאָלגט האָט זיי, ניט געהערט האָט זיי
זייער איינציקע, זייער טעכטערל,
ניט געוואָלט האָט זי זײַן א זוינעלע,
גייען שיקערן מיט די קוינימלעך...
הוליע, גרוזיע! הוליע, נאקעטע!
ביז ס׳וועט קומען דאָס היַידאמאקעלע...

אף די ביימער פון שווארץ־טומע הענגען ארבעטער צעהאנגען,
מיט די פיס צום בוים געבונדן, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ,
ניט קיין הײַזער, ניט קיין שטיבלעך — טרונעס גרויסע, רייען לאנגע,
ניט קיין פענצטער — שווארצע רעמלעך האָבן שטיבעלעך באקלעפּט.

ניט קיין סנאָפּעס ווייץ און קאָרן — מייסים פירט מען אף די וואָגנס,
אף די גאסן הענגען וואָלקנס, אף זאוואָדלעך הענגט א שלאָס,
און אמאָל נאָר טוט א ציטער ווײַטער שאָטן אף די ראָגן,
שווארצן שוידער אף די גאסן טוט א ריס א שארפער שאָס.

שווערדן שטעקן אין די בײַכער, שטריק פארדרייטע אף די גאָרגלען,
ווער האָט אָט די קעפּ צענעריקט, ווער האָט זיי אהער פארשלעפּט?
אף די בוידעמער די הויכע כריפּען קינדערלעך דערוואָרגן,
איבער גאסן פון שווארץ־טומע שלעפּט מען מיידלעך פאר די צעפּ...

אין דער שטאָט דאָרט נאָכן בריקעלע
הוליען, ווילדעווען די דעניקינצעס...

פון דער שטאָט דאָרט טראָגן קוילעס זיך,
דאָרטן הארגעט מען, דאָרטן קוילעט מען.
און אין גרוזיע איז קיין נאכט ניטאָ?
און אין גרוזיע איז קיין מאכט ניטאָ?
אזא נאקעטע, אזא פּראָסטינקע,
הוילע גרוזיע, ניט געלאָזט האָסטו
מיט די שטעקעלעך, מיט די דעמבעלעך,
מיט די בולעוועס, מיט די סטענדערלעך,
מיט די ביקסעלעך, פּוליעמיאָטעלעך,
מיט די ייִנגעלעך, די גערעָטענע...

גרויִע קויטיקע, גרויִע פּראָסטינקע,
מיט די בערגעלעך ניט געלאָזט האָסטו
די דעניקינצעס זאָלן זײַן אָט־דאָ,
זאָלן קוילען און זאָלן פּײַניקן...

הוליע, גרויִע! הוליע, שיקערע,
אַלע סאַנים אַף צעפּיקעניש!
טאַנצט אַן קליידעלעך, טאַנצט אַן שיכעלעך,
בערע זינגען וועט זײַנע סטיכעלעך,
מיידן, מיידעלעך, מיידן, ווײַבעלעך,
ליפּן — ווײַמפּערלעך, אויגן — קאַרשעלעך...
— בערע, בערעניו, אונדזער שרײַבערל,
אונדזער לעץ און אונדזער מאַרשעלעך,
זינג אַ לידעלע! טײַער ייִנגעלע,
אַ לעזגינקעלע, אַ לעזגינקעלע!

איז אוועק אַ טאַנץ, אַ טענצעלע,
בלישטשען, ציטערן די פענצטערלעך,
פּאָרלעך פליִען, פּאָרלעך פּרעסן זיך,
אַז די לאָמפּן פינטלען, לעשן זיך,
שפּרינגען קישנס אַפן העסע־בעט,
טאַנצט דער ווישניאַק אין די פלעשעלעך,
פליעסקען אויגן, פליעסקען פּיסעלעך,
טאַנצן פישלעך אַף די שיסעלעך...

אין אַ טאַנץ האָבן צעשאָטן זיך
בערד און פּייעס און קאַפּאָטקעלעך,
קאָפּטלעך טוליענע, קליידלעך ציצענע
פליִען, טראָגן זיך פלינק און בליצנדיק,
טרישטשען דילן, ווי די מאַצעלעך,
שרײַט דאָס פידעלע, סטרונעס פּלאַצן אַזש,
און דער פּויקער מיטן הויקערל
פּויקט אין פּויק אַרײַן...

פּאָרלעך פליִען, פּאָרלעך שליטלען זיך,
בעקלעך רויטינקע, בעקלעך בלאסינקע,
ווערטער, קוילעס מידע שיטן זיך:
— נו, א כאסענע, פו, א כאסענע!

— נו, א ליאמעלע! נו, א יאָנטעוו הײַנט!
— מיט די פיסעלעך ניט פארפלאָנטערט זיך!
— ניט פארבײַט זיך דאָרט מיט די מיידעלעך,
— מיט די שוויגערס און מיט די איידימלעך...

גאָרגלען הייסע, העלדזער שטיקן זיך,
מידקײַט שטראָמט אין פיס אין שיקערע,
אף די בענקלעך פאלן אלע שוין.
מידע ווײַבלעך, בלאסע כאלעשן...
ווערן פענימער בלאס און בלאסער נאָך:
„נו, א כאסענע, פו, א כאסענע!"
און סע שרײַען אלע מידע שוין
היי, א לידעלע און א יידיש נאָר!

קרעכצט דאָס פײַקעלע, קרעכצט דאָס פידעלע:
— בערע, בערעלע, זינג א לידעלע...

אפן טיש ארוף איז בערע
מיט די שטיוול מיט די שווערע,
מיטן שניפּסל אף דער זײַט,
אין א העמדל הוילע זײַד...

שטייט דער כאָסן אפן טישטעך
און דער שווייס פון שטערן ווישט ער.
מיטן לינקן אייגל ווינקט ער
און דעם ווײַסן טראָפּן שלינגט ער.

שטייט אזוי דער שיינער כאָסן.
פלוצלינג טוט א ליד א גאָס זיך:

„פונעם בוידעם שיט זיך קאָרן,
זשאָרזשיק איז א ראָוו געוואָרן —
פוצער, פוץ מיר אָפּ די שיך!"

שרייַט דער אוילעם: — „לעשט די ליכט!"
בערע שטייט און הערט ניט קיינעם
און סע גייט די ליד די שיינע:

„זשאָרזשיק גאנעוו זיצט אין טפיסע,
האָט ער קעסט אזוינע זיסע,
פוצער, פוץ מיר אָפּ די שיך!"

שרייַט דער אוילעם: „גיכער, גיך!
לעשט די ליכט, באהאלט די בעכערס".
בערע שרייַט און הילכט נאָך העכער:

„יידן, יידן, האָט ראכמאָנעס,
שיקט אין דאָפּר שאלעכמאָנעס!"

פלוצלינג: טראַך און טראַך און טראַך, טראַך, טראַך...
פאלן שויבן אפן שליאך,
ווערן לאָמפּן טויט און שווארץ,
פלאצט דאָס טירל, ווי א הארץ...

זייַנען זיי געקומען, דעניקינצעס די דרייַ,
מיט בולעוועס מיט דעמבענע, מיט מעסערס און מיט שווערדלעך,
זייַנען זיי געקומען מיט ווילדן פייַפערייַ,
מיט אייגעלעך מיט שיקערע און טאנצנדיקע בערדלעך.

שיקערע און קלעפּיקע און שווארצע, ווי די נאכט,
זײַנען זיי אריַין אין הילכעדיקן צימער,
האָבן זיי א גרוס א פרײלעכן געבראכט
פון מייסים ניט פארקילטע נאָך אין בלוטיקער שווארץ־טומע.

צעקלינגען זיך די פלעשער און סע פלאקערט א געשלעג,
און בערע מיט א מעסער איז מיט אלע אינדערמיטן,
ס׳האָבן זיך די ווײַבער מיט די טישטעכער פארדעקט,
גלעזעלעך און טעלערלעך פון טישטעכער זיך שיטן...

א ליארעם און א קוויטש, א ראש, א שיסערײַ,
און קעלעכלעך צעדונערטע די ווענט די ווײַסע טעסען,
האָבן זיך דערשראָקן דעניקינצעס די דרײַ,
זיי האָבן אין די יונגען פון גרוזיע שוין פארגעסן...

געמישט האָט זיך דער בראָנפן מיט בלוט אינעם געשריי,
געפּאָכעט האָבן ברעטלעך, געפלויגן זײַנען ציגל,
דורך פענצטערלעך צעלעכערטע אנטלאָפן זײַנען צוויי,
דער דריטער איז געלעגן באם שוועל און האָט געשוויגן...

און נאָכדעם, ווען א לאָמפּ האָט זיך צעפינקלט אין דער נאכט
און אוילעם האָט דערזעען מיט פאכעדן באלאָדן:
דאָס שאָכנדל, דער שיקער האָט די אייגעלעך פארמאכט,
דאָס קעפּעלע דעם שאָכנס האָט אין וױשניאק זיך געבאָדן...

און ווײַטער אין א ווינקל, אין א פינצטערס הינטער טיש
איז געלעגן א געקאָרטשעטע, א קאלטע בערעס מאמע.
דער אוילעם איז געשטאנען אין דער פינצטערניש צעמישט.
אזוי האָט זיך פארענדיקט אין דער גרוזיע א ליאמע.

4.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —<br>
— — — — — — — — — — — — — — — — — —<br>
— — — — — — — — — — — — — — — — — —<br>
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איבער פעלדער, איבער גאסן קויקלען זיך די פלינקע יאָרן,<br>
אין די בלויע, גרויע אויגן בלײַבט א צייכן, בלײַבט א שטריך,<br>
בלײַבט א ליד אין הייסע הערצער, רוט א פרילינג אין זיקאָרן,—<br>
יאָרן פלינקע, ליבע יאָרן, ווארט נאָר! פליט ניט אזוי גיך!

איבער גאסן, איבער געסלעך ווארטן נאָך אזויפיל שטיינער,<br>
יעדער שטיין דאָ אף די פלעצער, יעדער שטיינדל רופט און מאָנט,<br>
ס'זײַנען טעג אזוינע קורצע, ס'זײַנען טעג אזוינע קליינע,<br>
יעדער פינגער, יעדער מוסקול דארף אצינד אזויפיל טון.

שפרינגען טעג איבער די צווײַגן, טראָגן זיך ווי סטײַעס פויגלען,<br>
יעדער הארץ און יעדער פאָנעם ווערט פארזאָטן מיט א פליכט,<br>
ציטערט, פלאטערט יעדער מוסקול, פינקלען מאָנענדיקע אויגן,<br>
בעטן ביימער, הילכן שטיינער: יאָרן, פליט ניט אזוי גיך!

ניט געפּאָלגט האָבן די יאָרן, ניט די אויגן, ניט די ביימער,
ניט די קעפּ, די צעפּ, וואָס שרייען: מישט ניט, מישט אונדז
ניט מיט שניי,
...איין פון אוראַלט, איין פון צייטן איז געפאלן פון די רוימען
און געבראָכן זיך, געשמאָלצן אינעם וויכער מיט געשריי...

ניט געפּאָלגט האָבן די יאָרן און געטראָגן זיך נאָך שנעלער,
טאָלן פוסטע, ווייטע אינדזלען הוליען, דרייען זיך אין צוויט,
און די גאסן ווערן יינגער און די אויגן ווערן העלער,—
יאָרן פלינקע, ליבע יאָרן, שנעלער, שנעלער, שנעלער פליט!

דורך די גאסן, דורך די געסלעך טראָגן זיך די הייסע יאָרן,
שניידן זיי מיט שארפע שווערדן דרויב און ווילדגראָז פון דער ערד,
ס'האָבן יאָרן ניט פארלאָזט זי, ס'האָבן וויכערס ניט פארלאָרן:
אונטער דעכעלעך פון דרימל ליגט די גרוזיע אף בערג...

קויקלען זיך די פלינקע יאָרן, מ'האָט שוין לאנג אָט דאָ פארגעסן
גרוזיעס כאסענעס און ליאמעס, די דעניקינצעס די דריי.
ס'לויפט די יוגנט פון דער גרוזיע, קילער, שטילער ווערט אין געסל,
בערע זינגט נאָך אין דער גרוזיע, קלינגען לידער דאָ אפסניי...

...די מעל האָט זיך צעשאָטן,
די זיפּ האָט זיך צעריסן,
אז אין שטעטל טוט זיך עפּעס,
דארף די גרוזיע וויסן...

וויל זי וויסן, הוילע גרוזיע, טראָגן גרוסן זיך פארשייטע,
נייע ווינטן פון שווארץ־טומע פליען, טראָגן זיך אהער,
מ'האָט די אלטע שטאָט געוואשן, מ'האָט די אלטע שטאָט באנייט דאָרט,
קוקט די גרוזיע דורך די שויבן, הערט די גרוזיע פון די בערג:

קוילעס דרייען זיך, ווי רינגעןֿ,
ערגעץ שרײַט מען, ערגעץ זינגט מען...
— וואָס איז פאר א היץ אזא!
טישע! טישע! טישע, שא!
ס'איז דער יאָנטעוו זייער גרויס,
ס'פאָרן ארבעטער ארויס,
פון דער גרוזיע בלאָטיקער
פאָרט מען אין דער שטאָט ארײַן...

די בורזשויעלעך פארטריבן,
זײַנען דירעלעך געבליבן,
זײַנען צימערלעך פאראנען,
מיט פאָטעלן, מיט דיוואנען...
ס'איז דער יאָנטעוו זייער גרויס,
ס'פאָרן ארבעטער ארויס!

הערט, גרוזינער, זעט נאָר, הערט,
וואָס סע טוט זיך אף די בערג!
ווער געווינט האָט אין א קעלער,
אין א ווינקל, אין א לאָך,
טרײַבט די וואָגנס שנעלער, שנעלער!
און אראָפּ פון זיך דעם יאָך!
טראָגן שקאפעס, ווי די רוכעס,
שמאטעס, טישן, שאפעס, בענק,
פאָכן ווײַבלעך מיט די טיכלעך:
— אונדזער גרוזיע געדענקט!

איז ארומגעגאנגען בערע איבער געסעלעך פון גרוזיע,
מיט רעגינען זיך צעווערטלט און מיט זיך אליין צעקריגט,
ווײַל געזאָגט האָט אים רעגינע, פאָרן וויל זי, פאָרן מוז זי,
ווינען וויל זי דאָרט, ווו אלע, דאָרטן... מוז זי... לעם דער בריק.

וואָס־זשע זאָל ער איצטער זאָגן? ס'איז ניטאָ פון וואָס צו ריידן.
זאָגט ער עפּעס, שטייט רעגינע און זי דרייט זיך און זי לאַכט,
מיט זײַן גרוזיע וויל זיך בערע... וויל זיך בערע ניט צעשיידן.
איז נאָך וואָס־זשע האָט רעגינע גרוסן שווארצע אים געבראכט?
זאָל זי שווײַגן, זאָל זי ריידן, סײַ־ווי־סײַ וועט ער ניט פאָרן.
וואָס מיר אלע? ווער מיר אלע? ס'איז באשלאָסן און אן עק...
דאָ, אין געסעלעך פון גרוזיע, האָט זײַן מאמע אים געבאָרן,
דאָ, אף בערגעלעך פון גרוזיע, זײַנען יאָרעלעך אוועק.

פאר רעגינען, פאר די ווערטלעך האָט געפּרעסט א קאלטער ווייטיק
פון די ביימער איז געפאלן געלער וויאנענדיקער צוויט,
האָט אים באנק געטון די יוגנט די צעווייטע, די צעזייטע,
איז ארומגעגאנגען בערע און געזופט אן אלטע ליד:

„אף די בערג און אף די שטיינער
פליען טויבן פאָרן,
עס איז נאָך ניט געווען קיין גוטס,
אוועק די יונגע יאָרן...

נאד האָראמע קאמעניאמע
האָלובי ליעטאלע,
יעשטשאָ דאָברי נע בולאָ,
ליעטא אוביזשאלע...”

בלאָנקעט ער אזוי ארום דאָ איבער גרוזיע ווי א שאָטן,
בלאָנקעט ער ארום און זעט דאָ ווי מע ציט, מע שמידט א בריק...
...ווי א בליץ, וואָס האָט פארשטאָכן זײַנע שפּיצן אין די בלאָטעס,
לעשט זיך בערע און ער טוקט זיך און סע קילט זײַן הייסער בליק...

וויפל שאָ האָט ער געבלאָנקעט? וויפל שאָ איז ער געגאנגען?
וואָס פאר טונקעלע געדאנקען האָבן אים אצינד געמישט?
אין שווארץ־טומע זיצט רעגינע בא א שמאָלן טיש א לאנגן...
וואָס־זשע טוט זי איצט, רעגינע? וואָס־זשע טוט זיך בא דעם טיש?

ווען רעגינע איז געשטאנען בּא דער ארבעט, בּא דער שווערער און געפּרעסט א שווארצן מאנטל, אזא גרויסן צו די פּרעסט, האָט לעם פענצטער פון פאבּריקל שטיל ארומגעשלעפּט זיך בּערע און געזען דורך די שויבּן ווי רעגינע שטייט און פּרעסט...

און אצינד וועגן רעגינען:

זי באשרײַבּן
וועט מיר שווער זײַן...
כ׳גיי ערשט קלײַבּן
נײַע פערזן...

ניט מיט ריטם
פון דער בּילינע,
ווערט א ליד
וועגן רעגינען...

ניט מיט קלאנג
פון שטרוי אף כאטעס,
ניט מיט גאנג
פון הײַאוואטע...

ניט פון בײַראָנשער
ראָמאנטיק...
קאלטער פײַער...
שמאנטי־דראנטי...

זי... פּאָעט...
די צעפּ... די אויגן...
פּושקין וועט
אהער ניט טויגן...

פאר רעגינען
ווערטער פאסיקע
ניט געפונען
בא די קלאסיקער...

אבראמאָוויטש,
ראבינאָוויטש,
יודע־לייב און
קאהאנאָוויטש...

הונדערט סטילן
פון אמאָל גיין
און קיין איינעם
כ׳קאָן ניט פאָלגן...

איז אנטשולדיק מיר,
מײַן לעזער,
וואָס איך קאָן ניט
שרײַבן בעסער...

(זאָלן פײַנשמעקער זיך קנייטשן,
זאָל מען זאָגן: טראפארעט !!...)

— — — — — — — —

פונקט א וואָך רעגינע גייט שוין
מיט די כעוורע אין געוועט...

ווער דארף מײַסעס מיט פרינצעסנס?
(ס׳איז אמאָל געווען געשפאנט...)

— — — — — — — —

ווער וועט מאנטלען מערער פרעסן
פאר די ארבעטער פון לאנד?

אין פאבריקל, אינעם גאנצן
גייט א פלאמיקער געוועט,
פרעסלעך לויפן, נאָדלען גלאנצן,
אין פאבריקל ווער־זשע וועט

מערער נאָטן דאָ פארשטעפן,
מערער רעקלעך מאכן גרייט,
ווער וועט פעסטער נייען קנעפלעך
פאר דער ארבעטערנס קלייד?

ווער וועט קומען צו דער ארבעט
צו דער רעגע, דער מינוט,
ווער וועט מערער מאכן ארבל,
ווער וועט קעלנער שניידן גוט?

לעם רעגינען שטייען מיידלעך מיט די רויכערדיקע פרעסלעך,
לויפן פרעסלעך, ווי די דולע, פליִען פונקען מיט א פרייד,
האָט דערקענט די מיידלעך בערע. יאָ! פון דאָרט, פון גרוזיעס געסלעך!
אלע קאָן ער, אלע ווייסט ער און געדענקט פון קליינערהייט.

בערע שטייט און קוקט אין פענצטער, שטייט און קוקט און זעט, ווי דאָרטן
זיצן זיי, מיט וועמען בערע האָט געשטיפט אמאָל אין זאמד,
דרייט זיך בערע בא די פענצטער און געפינט פאר זיך קיין אָרט ניט:
גיין? זאָגן? נאָר די סטעזשקע האָט א גרויסע שויב פארצאמט...

שויבן הויכע, שויבן ברייטע. נאָר ווי קומען זיי אהערצו?
ס'איז געוועןאָט דאָ א שטיבל אזא טונקלס ווי א שטײַג,
קלאפן איצטער די מאשינען הייס און האסטיק ווי די הערצער
און די פרעסלעך פליִען גיכער ווי די פויגלען פונעם צווײַג.

דאכט זיך אים — מע שטעפט אָן פֿאָדעם, דאכט זיך, אז מע נייט אָן נאָדלען,
און די מאנטלען ווערן פארטיק אזוי גיך און אזוי שיין,
זיצן וואָגיק די מאשינעס, אזוי ברייט און אזוי מאָדנע,
און זיי רוישן, און זיי הילכן און זיי דרייען זיך אליין.

און די ברוינינקע גרוזינקעס בא מאשינדעלעך זיי זיצן,
אויגן גרויסע, לאָקן לאנגע, ניט מע ארבעט, נאָר מע שוועבט,
א מאשינע שטעפּט די ארבל, פֿליִען ארבל, ווי די בליצן,
א מאשינע שנײַדט די קעלנער, א מאשינע נייט די קנעפּ.

ליִפן רעדער, ווי די כײַעס, שטיפן רעדעלעך ווי קינדער,
פון מאשינעס קאפּעט בוימל, ווי סע קאפען טראָפּנס שווייס,
האָבן מיידלעך די מאשינען נאָך א דריי געטון געשווינדער
און א לידעלע פארצויגן אזא פריילעכס, אזא הייס:

„אין דער גרוזיע זופּט מען זייער,
„טרינקט מען זייער שנאפּס און ביר,
„דריי־זשע, דריי־זשע זיך, קאָנווייער,
„דריי זיך, דריי זיך אָן א שיר...
„טרא־ליא־ליא־ליא—אָן א שיר...
אָן א שיר...

„ס'איז א בלאט בא אונדז פאראנען,
„שרײַבט מען דאָרטן זייער שיין,
„ווער סע שיקערט — קריך פונדאנען,
„ווער סע גאנוועט — זאָל זיך גיין!...
„טרא־ליא־ליא־ליא — זאָל זיך גיין...
זאָל זיך גיין...

„ווער סע איז א ליידיקגייער,
„ווער סע איז א ביוראָקראַט,
„כאפט אים אונטער דער קאַנווייער
„אפן צימבל אינעם בלאַט...
„טראַ־ליאַ־ליאַ־ליאַ—אינעם בלאַט...
אינעם בלאַט...

„ס׳גייט שוין אופעט די לעוואָנע,
„ס׳גייען אויס די זיבן שאָ,
„Встань, проклятьем заклейменный...
„לאָמ־ר פאָרן אין קינאָ...
אין קינאָ...
אין קינאָ...

און ווען בערע האָט געבלאָנקעט בא די פענצטער א געפלעפטער,
האָט רעגינע בא דער ארבעט אזוי קינדעריש געברענט,
פלעגן בייגן זיך די מוסקלען, פלעגן גיסן זיך די קרעפטן
פון די זינגענדיקע לײַבער, פון די זומערדיקע הענט.

האָבן כאוועראַס דערזעען, ווי רעגינע האָט פארקלערט זיך,
און דאָס פרעטל איז געגאנגען אזוי אומעטיק און שווער.
פון די גאסן, די שווארץ־טומער האָט א רעדער־רויש געהערט זיך,
א געוויין פון קאטערינקעס אף די ווײַטע גרויע בערג...

בא רעגינען פאר די אויגן איז אוועק א טאנץ א ווילדער,
ס׳האָט די קינדהײַט אין דער גרויזיע פאר רעגינען זיך צעיאָגט,
פאטשן טעג מיט דאָרשט און הונגער... ס׳איז אזוי געוואָרן קיל דאָ
און זי הערט אָט דאָ נאָך, דאכט זיך, ווי די מאמע אירע קלאָגט.

און זי זעט נאָך, דאכט זיך, איצטער, ווי איר טאטע איז געקומען
מיט דער גרינער קאטערינקע, מיטן רויטן פּאָפּוגײַ,
ווי דער טאטע איז געקומען פון דער ראַשיקער שווארץ־טומע
שיקער... ניכטער שלאָגט דער טאטע... שלאָגט די מאמע סײַ־ווי־סײַ.

און די מאמע אירע, גאָלדע, גאָלדע פּי, וואָס פונעם הײַזל,
האָט געריטשעט, האָט געקוויטשעט און געקושט זיך מיט די געסט

---

עפּעס ווערן לידער שטילער, קילער ווערט אין האנט דאָס אײַזן,
שטייט רעגינע א פארקילטע בא דעם לאנגן טיש און פרעסט...

ווידער פלאָנטערט זיך דער טאטע, ווידער פלאָנטערט זיך די מאמע,
ס'איז אזוי ניט לאנג געווען דאָ, אין זיקאָרן איז נאָך פריש...
זי געדענקט נאָך, זי דערמאָנט זיך, ס'איז געווען אמאָל א ליאמע,
האָט איר מאמעניו געדרייט זיך הויל און שיקער אפן טיש...

ס'איז געווען אמאָל, אמאָל נאָך... יוגנט גרויע און פארסאמטע...
ס'האָט די מאמע איר געהייסן גייען שלאָפן מיט א גאסט,
ניט געוואָלט האָט זי, רעגינע... האָט איר טאטע א צעפלאמטער
ס'רויטע קליידעלע פאריסן און גענעריקט מיטן פאס...

ס'האָט א גאסט געכאפּט רעגינען און פארשלאָסן אין א צימער
און געקושט זי דול און שיקער און געוואָלט נאָך קושן מער...
א געשריי האָט זי געגעבן מיט א פרעמדער, ווילדער שטימע,
האק די שויבן, קנאק אין פענצטער און אנטלאָפן פון די בערג.

---

ווען רעגינע איז געשטאנען אין מאכשאָוועסן פארגראָבן,
האָט א פור פון באן געשלעפּט זיך צו דער שנײַדערשער פאבריק,
אף א בוים זײַנען געזעסן קאלטע כליפּענדיקע ראָבן
און דער הימל האָט א וואָנקלדל געהוידעט ווי א וויג...

שווינדלען רעדער, שוויַגן רעדער, פּלוצים הערט א ראש רעגינע
און זי זעט פון אַלע צעכן אוילעם שטופּט זיך, אוילעם לויפט,
מ׳האָט געבראכט פון שטאָט מאשינעס, ליגן איצטער די מאשינעס
אין די קאסטנס נאָך באהאלטן אף די קלעצער אינעם הויף.

שלעפּן קאסטנס פון די וואָגנס מיידלעך יונגע, קעפּלעך הוילע,
שלעפּט די קאסטנס א בענדיוזשניק, רינט דער שווייס ווי שווארצע טוי,
זעט ער, שטייט לעם טויער בערע, שטייט א געלער ווי א כוילע.
טוט א הירזשע דער בענדיוזשניק, טוט א ברום צו אים אזוי:

— נו, וואָס שטייסטו, יאָלדיש בערע, ס׳איז קיין פורלעך ניט פאראנען
מ׳האָט געבראכט מאשינעס נייַע, שטייט אצינד דייַן פערד אין שטאל.
איז אוועקגעגאנגען בערע דעם בולאנעם זייַנעם שפּאנען
און דערנאָך געשלעפּט זיך פוילבלעך מיט זייַן פורל צום וואָקזאל...
— — — — — — — — — — — — — —

האָט א קלונג געטון א גלעקל: צו דער ארבעט! צו דער ארבעט!
און געפּויקט האָבן מאשינעס ווי א האַגל אינעם בלעך,
טיק און טאק און טיק און טאק און, ווי א האָגלדיקער ארבעס,
טיק און טאק און טיק און טאק הילכן רעדער אינעם צעך...

איבער זינגענדיקע צעכן דרייען זיך אזוי די רעדער,
פליִען פאסן, יאָגן פאסן, פון די פאסן ווערט א ווינט,
גייט א ווינט פון די מאשינעס, ווי א פרישקייַט ווי פון סעדער,—
שטייט נאָר, רעדער! ווארט נאָר, יאָרן! דרייט זיך ניט אזוי געשווינד!

ניט געפאָלגט האָבן די יאָרן און געטראָגן זיך נאָך שנעלער,
טאָלן פּוסטע, וויַטע אינדזלען הוליען, דרייען זיך אין צוויט,
און די גאסן ווערן ייִנגער און די אויגן ווערן העלער.—
רעדער יונגע, יאָרן פלינקע, שנעלער, שנעלער, שנעלער פליט!

.5

ווי מיט פֿאָרהענגלעך פֿארצויגן,
ווי מיט וואָלקנדלעך געקרײַזלט,
קוקט מיט שטערן, ווי מיט אויגן,
הויכער הימל אױף די הײַזער...
הויכער הימל,
הימל שפּעטער,
איבער גרויזיע הענגט ער,
זעט ער:
אין די געסלעך, אין די בלאָווע,
בלאָנקען אום אַ פּאָר גאַנאָווים,
צוויי גאַנאָווים און אַ לערער,
און אַ לערער
און ניט מערער...
שטיל אַמאָל נאָר,
שטיל אָן ווערטער
קומט אַ דריטער צי אַ פערטער
פֿון אַ ווינקל פֿון אַ בלינדן,
קומט און שווימט און ווערט פֿארשוווּנדן...

שײַן פֿון טירלעך ווערט צעגאָסן,
שוין געעפֿנט...
שוין פֿארשלאָסן...
שפּעטע גייערס... יונגעלײַטלעך...
פֿולע טאַשן... פֿולע בײַטלען...
ס'איז מיט מיידן פֿול דאָס שטיבל,
גאָלדע פּי פֿארקויפֿט דאָ ליבע...

קומען כעוורע פון שווארץ־טומע
און פון גרוזיע כעוורע גייען,
ווינקלען גרויע, סטעזשקעס קרומע,
שא און שטיל, מע זאָל ניט זעען...
און אמאָל מיט בלייכע באקן
קומט אריַין א יונג אין כאקי,
טרייסלט אוים דעם לעצטן גראָשן,
ווען דאָס לעמפל ווערט פארלאָשן...

שטיל און רויִק איז אין שטיבל,
ס'איז אף ווינקעלעך צעצימערט.
יעדער ווינקל האָט זיַין ליבע,
א גרוזינער, א שווארץ־טומער.
ס'האָט א בעטל יעדער ווינקל
מיט א בוטל קאלטע וואסער,
בעטל, בוטל, לעמפל טונקלס
און א האנטעכל א נאסער...

יעדער ליבע איז בא גאָלדען
מיט א פאָרהענגל פארהאנגען.
פון א ווינקל זיך געמאָלדן
אין א ווינקל מיט א דראנג און
זיך באגעגנט און צעגאנגען.
גאָלדע פּי אינמיטן שטייט דאָ
און זי זעט: פון וויַיטע עקן
רוקן שאָטנס זיך צעזייטע,
פלעקן, שאָטנס, שאָטנס, פלעקן,
ליבע וועט פאר אלע קלעקן...

גאָלדע פּי... איר ליבע—שווינדל...
ווער־זשע איז ער און פונוואנען?
עפשער גאָר א שוועסטער־קינדל
פונעם פאפע פּי דעם גאנעוו?..

דרײַסיק יאָר געהאט א הײַזל.
גרויע האָר אין קאָפּ באווײַזן
איר געניטקײַט און איר וויסן.
— — — — — — — — — —
איצטער איז די צײַט א שווערע
און מע הייסט דאָס הײַזל שליסן.

ניט געוווּסט האָבן שווארץ־טומער,
ניט די מאמעס, ניט די באָבעס:
אלע טאָג א נײַער אומגליק,
אלע טאָג א נײַער אָביסק...
ניט געהאָפּט האָט גאָלדע יונגווײַז
אף אזוינע שווערע צײַטן,
די מיליציע זאָל גאָר צווינגען
אלע וואָך דעם אדרעס בײַטן...

גאָלדע פּי מיט האָר מיט גרויע,
פּלייצעס פּוסטע, ברוסטן וויגן,
כעוורע ווייסן: ס׳א ביזאָיען
גאנצע נעכט בא גאָלדען ליגן,
כעוורע ווייסן— און מע היט זיך,
איינער שעמט זיך פארן צווייטן,—
און מע יאָגט זיך, ווי די בליצן,
נאָך א ליבע א פארגרייטער...

שיינע מענער, פיינע קינדער,
גרוזיע...
גאָלדע...
גאָרניט...
בלאָטע...
מע באהאלט זיך און מע זינדיקט
און דערנאָך האָט מען כאראָטע...

ווילט זיך גיין א שיילע פרעגן
צו אן אלטן גוטן־ייִדן,
איז אָט דאָ אין גאנצן געגנט
פאר א רענדל ניט צו קריגן
ניט קיין ראָוו און ניט קיין כאזן.
וואָס־זשע פּאָרט, איז וואָס־זשע טוט מען?
גאָט באהיט פון א „זאראזע",
פון א שעד, פון א „ניט־גוטן"...

האָט די גרוזיע לאנג געווארט שוין,
אז א גוטער־ייִד זאָל קומען.
גאנצע טעג איז מען פארנומען,
מע דערלעבט אמאָל פארנאכט שוין
נאָכן טראכקען אף די וועגן,
אף די בערגעלעך די קאלטע,
ווילט זיך פּאָרט א שיילע פרעגן
אָדער גאָר אן אייצע האלטן...

רעדן אלע, הערן פרומע:
— א באוויַבטער צי אן אלמען?
סאָפּקאָלסאָף איז ער געקומען
הערעב לייזער בערעב זאלמען,
ניט פון גענעם, כאס־כאָלילע,
ניט פון ליכטיקן גאניידן,
נאָר פון כיידער, אזש פון סמילע,
מיט די זיבן ברייטע מיידן...

לײזער זאַלמענקעס דער מעלאַמעד
האָט דאָס קאַנטשיקל פאַרוואָרפן,
מיט א יארמעלקע פון סאמעט
איז זײַן קאָפּ אצינד באוואָפנט...
ס'איז רעב לײזער ניט קײן ראָוו נאָר,
ר'איז א דײַען און א שויכעט
און אמאָל א מויעל אויכעט...

שײנע מײדלעך האָט דער מעלאַמעד,
שײנע מײדלעך, פײַנע טעכטער,
ווען זײ לאַכן, טראָגט זיך פרײלעך
איבער גרוזיע דער געלעכטער.
פון די טירעלעך די שמאָלע,
ווען דער אָוונט נעמט זיך וועבן,
קומען יונגע באַלעגאָלעס
פרעגן שײַלעס בא דעם רעבן...

כעוורע שלאָגן אָפּ די טירן:
קען מען זען אמאָל דעם ראָוו ווען?..
זײַנע טעכטערלעך שפּאַצירן
מיט גרוזינישע גאנאָווים...
מער די טעכטערלעך שפּאַצירן,
מערער שײַלעס קומט מען פרעגן,
מערער שײַלעס קומט מען פרעגן
פון דער גרוזיעס קרומע וועגן...

איז א הארץ אצינד פון שטאָל דען,
אַלטע ווונדן...
נײַע ווונדן...
ניט בא לײזערן — בא גאָלדען
ווערט די שטוב פאַרפלײצט מיט „קונדן"...

אלט און קאַלט די נעכט זיך ציִען,
און אמאָל נאָר ווערט דאָ ווארעם,
קאָלדרעס פליִען, קישנס פליִען,
זשאָרזשיק קומט מיט טאנץ, מיט ליארעם,
לאָקן שטראָמען — שווארצער רעגן,
שווארצע אויגן — שטיקער גרוזיע,
ווען א מיידל ער באגעגנט
ווייסט ער פעסט, אז ליבן מוז זי...

שוין געזען און שוין געפּעסטעט —
גאָלדע פּי האָט וויפל מענער,
זשאָרזשיק איז פון אלע פעסטער,
און ער איז פון אלע שענער...
און זי בעט אים: „קום אהערצו",
און דאָס אלטע בלוט נאָך כוואליעט,
„קום, קראסאוועץ, קום, מײַן סערצע,
אָט אהער צו מיר אין ספּאלניע...
קום אהער, איך וועל דיר טרעפן,
אף די קאָרטן טרעפן וועל איך דיר"...

טוט די טיר זיך פלינק אן עפן,
ווערט דאָס בלוט בא גאָלדען קעלטער...
א גיטארע טוט א ברינדזשע,
לויפן אייגלעך מעכאשייפיש,
גאָלדעס מאן דער קאטערינשטשיק
פליט אריַין ווי אף א סרייפע...
— א גוטנאָוונט, גאָלדע לעבן...
— א גוטנאָוונט, א גוט יאָר דיר...

— וואָס האָט אים אהער געטריבן,
אָט דעם אלטן מיט זײַן מאָרדע?

— לײַ א דרײַערל מיר, גאָלדע,
כ'האָב פארבענקט זיך נאָך א טראָפּן!
— זע, וואָס טוט דער אלטער יאָלד דאָ,
ניט אהין האָט ער געטראָפן,
— וואָס האָט ער זיך דאָ צעפּארעט,
וואָס איז ער אהער געקראָכן?

גאָלדעס מאן — דער אלטער נאר האָט
מיטן קאָפּ די טיר געבראָכן...

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

טוט זיך זשאָרזשיק פלינק א קערעווע:
— גיי שוין, גאָלדע, צו דער מאמען,
— גיי שוין, גיי שוין, אלטע סטערווע, —
און ער גייט מיט איר צוזאמען...

נאָר ניט שטענדיק גייען וויל ער
צו דער אלטער, צו דער גרייטער,
לויפט ער, שפּרינגט ער ווי א דולער,
פון איין סאָפּקע אף דער צווייטער...

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

... און צולעצט איז ער געקומען
אזא שטילער, אזא בלייכער,
ניט ער שרייַט און ניט ער שטורעמט
און זייַן קאָל איז עפּעס ווייכער...

גאָלדע פּי האָט זיך דערשראָקן,
ניט געוווינט איז זי אזוי גאָר,
און זי גלעט אים זייַנע לאָקן
און זי קושט אים אין די אויגן...
ווי א מוטער, ווי א פּאָטער.
גאָלדע האָט לעם אים געפּלאטערט,
אף זייַן ליפּ א גרינער בלאָטער
האָט געיאטערט און געיאטערט...

פרעגט אים גאָלדע שטיל, אָן לאָשן:
— ווער איז דיר אין פּיסק פארפּאָרן?
— דאָס איז גאָרניט, גאָלדע דושקא,
ס'א סיפּאָן פון פאראיאָרן...
— איז דערלאנג אהער א קויסע,
מיט א הערינג, מיט א מעסער!..
כ'האָב א צאָרע גאָר א גרויסע,
וואָס ניטאָ איז שוין קיין גרעסערס...

— ווען כ'זאָל קענען, וואָלט איך, я-бы
ס'איז דאָך, גאָלדע, ניט קיין שוטקע,
כ'האָב א מיידל, כ'האָב א באבע,
ניט קיין מויד, קיין פּראָסטיטוטקע...
שטייען קויסעס, פולע טעלער,
און ער טרינקט און שלינגט און בורקעט:
— און זי זאָגט, אז איך געפעל איר,
נאָר זי האָט ניט ליב קיין הורקע...
— — — — — — — — —

אונטער קויטיקע גארדינען
הערט מען קוילעס און געשלעגן,
דורך די ווענטעלעך די דינע
פאלן קלאָלעס ווי א רעגן...

קוילעס פרעמדע, קוילעס היגע,
רענדלעך, קושן, ליבע, נעצן...
ס׳וואָלט געקענט די פעלקער־ליגע
אינעם הײַזל זיך באזעצן...

— — — — — — — — —

ליבע פליסט ווי סאמאָהאָנקע,
ביז ס׳צעגיסט זיך דער גאנצפרי דאָ
און די לעצטע שאָטנס בלאָנקען,
לעצטע שאָטנס, גרויע, מידע...

— — — — — — — — —

איבער גאָלדעס אלטער דירע
טוקט זיך, לעשט זיך די לעוואָנע...
„שטילער, שא, ווער קלאָפּט אין טירל?״
„ציט! סע גייען די מילטאָנען!..״

ווער אוועק איז, ווער אנטלאָפן,
ווער פארגעסן האָט די שניפּסן.
צוויי געפּאקט נאָר, צוויי געטראָפן...
גאָלדע פּי מיט איר געליבטן...

ניט געהאָפט האָט גאָלדע יונגווײַז
אף אזוינע שווערע צײַטן,
די מיליציע זאָל גאָר צווינגען
אלע נאכט דעם אדרעס בײַטן...

.6

דער דיכטער פון גרוזיע איז שיין און איז שלאנק,
דער דיכטער איז קלוג און איז יונג און איז פלינק.
ווען יאָרן אנטלאָפּענע טוען אים באנק,
גייט ער אין שענקל א כאַפּ טון א טרונק.

ווען שטוב ווערט אים נימעס און מאָוועס און מיִעס,
און נימעס און מאָוועס און מיִעס דאָס ווײַב,
און סע ציטערט אין קאָפּ און ס'ציטערן די פיס,
און סע בורעט און הורעט און זשורעט אין לײַב.

גייט ער צום „רעבן" באשטעלן א מויד
און לייגט דאָרט אוועק דעם גאנצן פארמאָג,
נעמט ער זײַן אלטע, צעפּאָרענע בויד
און פּאָרט זיך קאָטײַען ביז גרינעם פארטאָג.

ער פאטערט באם „רעבן" דעם לעצטן פּיאטאק,
אומזיסט ווארט דאָס ווײַב אינעם הילצערנעם בעט,
ביז ער קומט מיטן גוואלד, ביז ער קומט מיטן קנאק,
דער שיקער, דער טרעגער, דער לעך און פּאָעט.

ווען ער קומט מיטן קנאק, ליגט און רעוועט דאָס קינד,
גייט דורך די פענצטער און שפּאלטן א קעלט.
ס'איז אנטלאָפן דאָס ווײַב אף דער ארבעט געשווינד,
דרייט זיך דער קאָפּ און סע דרייט זיך די וועלט...

און די גרויזיע הערט און די גרויזיע זעט,
ווי סע זאמלען זיך מענטשן ווי קופּקעלעך מיסט,
און מע לויפט און מע קויפט און מע שווינדט און מע רעדט,
דאכט זיך, קופּקעלעך מיסט — און מע רעדט און מע שמועסט.

און דער דיכטער פון גרויזיע מיט טרעגערשע הענט
טראָגט ער די זעק און איז רויט און ער זידט,
און ער מעקט אפּן פּלויט און ער שרײַבט אף די ווענט
און דערנאָך ווערט אין גרויזיע געזונגען א ליד...

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

פליען קיין גרויזיע פארשפּעטיקטע פויגלען,
פּאָרט פון שווארץ־טומע דער דיכטער אהיים,

זײַנען די אויגן
מיט בראָנפן פארקלעפט,
זעט נ׳ט דער דיכטער,
ווי ס׳בליט און סע לעבט
די שטאָט און די גאסן,
דער גאנצער ארום!

זיצט ער, דער דיכטער,
אין וואָגן און שטומט...

שווימען די רעדער,
קלינגט ניט דער שטיין,
שלעפט זיך די שקאפקע
דורך גאסן אליין...

פאָרט ער און פירט זײַנע שיקערע אויגן.
פאָרט ער, דער דיכטער, אין וואָגן און ווײנט,
ווייסט שוין זײַן שקאפע די גרוזישע וועגן,
קומט א בענדיוזשניק דעם דיכטער אנטקעגן:
— גוטנאָוונט דיר, בערטשע, וואָס זיצסטו צעקוועטשט,
צי האָסטו שוין ווידער געקריגן הײַנט פעטש?

— פאר סטיכעס? וואָס מאכן צונישט די גאנאָווים?
גוטנאָוונט דיר, בערטשע, גוטנאָוונט, גוטנאָוונט...
ס׳האָט זשאָרזשיק געזוכט דיך א גאנצענע נאכט,
פאר סטיכעס, וואָס האָבן פון זשאָרזשן געלאכט...

ענטפערט ניט בערע און רעדט ניט אנטקעגן,
און ס׳גיסט זיך פון אויגן א שיקערער רעגן,
און ס׳דאכט זיך, סע גיסן די אויגן זיך אויס,
און ס׳דאכט זיך: ער פאלט פונעם וואָגן ארויס...

רוקט זיך אף בערען
א שטיבלֿ א שלֿאנקס,
ער קאָן עס, דאָס שטיבלֿ,
ער ווייסט עס פונלֿאנג.

געטעסעטע טישן,
געטעסעטע בענק,
אצינד איז א טיי־הויז,
געווען איז א שענק...

געווען איז אמאָלֿ דאָרט,
און דאָס איז אצינד,
ער זעט ניט, דער דיכטער,
דער דיכטער איז בלֿינד...

שלֿעפט זיך די שקאפע און ס׳שלֿעפט זיך די נאכט,
שלֿעפט זיך אנטקעגן א שטויביקער שלֿיאך.
נאָר פלֿוצלֿינג די אויגן צעעפנט ער ברייט,
א שמייַס מיט דער בייַטש און א פאטש מיט די הענט:
די מאמע, די טויטע פון גרוזיע גייט,
ער האָט זי, די מאמע, די טויטע דערקענט...

מע האָט זי געהארגעט, ער האָט זיך דערמאנט,
ווען ער איז געוואָרן רעגינען א מאן.

סע קילֿט און סע ציטערט די שיקערע הויט,
ער האָט זיך דערמאנט, ווען מע האָט זי געטויט.
ס׳א לֿיגן, ס׳א לֿיגן, זי לֿעבט און זי גייט,
זי לֿעבט און זי גייט און ער הערט אירע רייד,
און זי נעמט אים ארום און סע נעמט אים א שרעק—

— — — — — — — — — — —

ס׳א שאָטן, ס׳א שאָטן, אוועק און אן עק.

— — — — — — — — — — —

נײַינקע הײַזער,
הײַזער אסאך
שווימען אנטקעגן
פון אלטינקן שליאך...

רוקט זיך שוין ווידער
א הילצערן הויז,
אצינד איז א קלוב דאָרט,
געווען איז א קלויז...

געווען איז אמאָל דאָרט,
און דאָס איז אצינד,
ער זעט ניט דער דיכטער,
דער דיכטער איז בלינד...

א שמײַס מיט דער בײַטש, נאָר דאָס וועגעלע שטייט,
ס'איז גאָרניט די מאמע, — א יינגעלע גייט,
ס'איז טאָליע, ס'איז טאָליע, ער האָט אים דערקענט,
האָט זיך דער קאס אין זײַן הארצן צעברענט.
ער האָט זיך נאָך טאָליען א לאָז געטון גיך,
ער האָט אים געפאקט און פארקוועטשט אין די הענט.
— שעם זיך ניט, טאָליע, און פוץ מיר די שיך,
— פוץ מיר די שטיוול און כאפט עס דער רוך.

פוץ מיר די שקראבעס און מאך מיר א גלאנץ,
אז ס'זאָלן די פיס זיך א ריס טון צום טאנץ.
טאָלינקע, טאָליע, וואָס ביסטו אזוי רויט?
האָסט נאָך א מאמע, צי מ'האָט זי געטויט? —
און ס'האָט זיך דער קאס אין אים שיקער צעברענט:
— איך האָב אים, דײַן טאטן, דײַן פּנים געקענט,
דײַן טאטע געווען איז א ווילער באנדיט,
א פײַנער באנדיט — א טײַערער ייִד...

דייַן טאטע ז׳אוועק מיט פעטליורען, מייַן קינד,
טאָלינקע, טאָלינקע, טאָליע מייַן קינד,
וויין־זשע ניט, טאָליע, ניט ריטשע, ניט וויין,
ס׳איז ווייַנען פאר דיר, אזא גרויסן, ניט שיין,
דו ביסט דאָך שוין, טאָליע, א גאנצער קאָזאק,
איז שפּיַי אפן טאטן און מאט יעוואָ טאק!
— — — — — — — — — — — —

דאכט זיך גאָר
ער פאָרט צוריק,
גייט אנטקעגן
א פאבריק...

פענצטער ווייַסע,
טירן גרין,
דאָרטן שנייַדט מען
דעם טעטין...

דאָרטן זיפּט מען
די מאכרא,
אין א נעכטעלע
אזא...

שטייט אן אוילעם,
זינגט און לאכט,
דער געלעכטער
שפּאַלט די נאכט...

בערע טוט אין טאש
א שאר
און פארויכערט
א ציגאר...

פאָרט ער, דער דיכטער, פון גרוזיע אהיים,
זיצט ער, דער דיכטער, אין וואָגן און וויינט,
טאָליע דערשרעקט זיך און ווײנט אפן קאָל,
א ריס פון די הענט און אוועק מיטאמאָל,
זיצט ער, דער דיכטער, אין וואָגן אליין,
פאָרט ער, דער דיכטער, פון גרוזיע אהיים.

און פון דאָרט,
ווו העל נאָך איז,
טוט אן אווטאָ
זיך א ריס.

טוט א פײַף
און טוט א יאָג,
און באשפּײַט מיט רויך
דעם ראָג...

פון א געסל
קומען אָן
פיאָנערן
מיט א פאָן...

לאכן קינדער:
— קינדער, זעט
ס'פאָרט פון גרוזיע
דער פּאָעט!

ס'לאכן קוימענס,
ס'לאכט דער רויך,
און די שטערן
לאכן אויך...

וואָס־זשע זאָל איך
טון מיט אים?
וווהין־זשע זאָל איך
שיקן אים?

ס'איז א מײַסע
אָן א שיר,
ס'איז דאָך פּאַרט
א העלד בא מיר...

עפּשער זאָל איך,
שטיל אזוי,
גאָר פארשרײַבן
אים אין „בוי״?...

ווייסט שוין די שקאפּע די גרוזישע וועגן,
א שמײַס מיט דער בײַטש און א פײַף און א טרײַב,
גייט אים די בייזע מישפּאָכע אנטקעגן,
שעלט אים דאָס קינד און שעלט אים דאָס ווײַב.

שעלט אים די שקאפּע, ער שעלט זיך אליין
און סע טוט אים שוין באנק און סע טוט אים שוין וויי,
ער ווערט אזוי מיד, ער ווערט אזוי קליין,
געארבעט א טאָג און פארטרונקען פאר צוויי.
ער קוקט אף דעם ווײַבל און קוקט אף דער שטוב,
דאָס ווײַבל איז שיין און ער האָט זי גאָר ליב,
ער נעמט זי ארום, נאָר זי טוט אים א שטויס,
אז ער פאַלט פונעם שטיבל אינדרויסן ארויס.
און ער זיצט בא דער טיר אזוי קליין און פארקלעמט,
און ער שרײַבט מיט א קויל אף די קרומינקע ווענט,
ביז עס ווערן די פענצטער אין גרוזיע פארמאכט
און סע שפּרייט זיך אף גרוזיע א גרוזישע נאכט...

.7

זעט: וואָס גייען זיי אהערצו?
און ווי קומען זיי אהער?
און א קאָל פונוואנען הערט זיך
אזא הויכס און אזא שווערס?
און ווי קומט אהער אן אוילעם?
און ווי קומט אהער א ברוק?
וויפל מיידלעך, זעט, גאָר ווילע?
וויפל יונגען, טוט א קוק!
ס'ארא שטיבל, וויפל פענצטער!
וויפל לאָמפּן, וויפל דראָט!

ס'איז אין גרויזיע דאָס שענסטע
און דאָס לעצטע צו דער שטאָט.

מײַסעס שיינע און לעגענדעס אָן א סאָף און אָן אן ענדע
ארום שטיבל מ'האָט געוועבט, פונעם שטיבל מ'האָט געשעפּט...
נאָך די שלעק און נאָך די סרייפעס (ס'איז דער קאַנט מיט מײַסעס פול)
פלעגן שיידים און מאכשייפעס אינעם שטיבל טאנצן דול...
דורכן קוימען, ניט דורך טיר פלעג מען גיין אפן שפּאציר...

וויסט און פּוסט און שטויב און שפּינוועבס,
דורכן קוימען, דורך די רינוועס
יאָגן שיידימלעך פארשײַט,
אייגלעך — פײַער, שווארצע עקלעך,
ס'איז באנאכט דאָ גייען שרעקלעך,
גייען מענטשן בא דער זײַט...

לעם דעם דאך און עפשער ווײַטער,
אפן בוידעם לעם א שײַטער
זיצט אן אלטע, הויט און ביינער
און זי קישעפט און זי דרייט.
כאָטש אין שטיבל ווינט ניט קיינער,
נאָר א רויך פון קוימען גייט.
און אסאך, וואָס פלעגן גייען
טיף באנאכט, האָבן געזעען,
ווי א רויך פון קוימען יאָגט,
ווי א פלאם פון פענצטער שלאָגט.

ווײַבער אלטע בא זעמליאנקעס,
אף די פריזבעס, אף די גאנקעס
זיצן ווײַבער און מע רעדט
פון פרימאָרגן און ביז שפעט...
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן,
וועלן פינטלען אלע אויגן
צום פארגייענדיקן טאָג,
אונטערן שײַן פון ווײַטע שטערן
וועט מען זיצן און מ׳עט הערן
און מ׳עט ארבעטן דעם זאָק...

— — — — — — —

ווער וועט עס אצינד דערקענען
אָט דאָס שטיבל, אָט דאָס ווײַטס?
דורכן פענצטער שמייכלט לענין
און א ראדיאָ שרײַט און שרײַט...

זעט: ווי ס׳גייט אהער דער אוילעם,
ווי מע זינגט און ווי מע רעדט,
וויפל מיידלעך, זעט נאָר, ווילע,
וויפל יונגען, זעט נאָר, זעט!
טוט א קוק, וואָס דאָרטן טוט זיך,
טוט א קוק א מין פאראד!

## לעבן זאָל די רעוואָליוציע!

שרײַט פון וועגטלעך א פלאקאט...

זיצן ייִדן בא די טישן
אזוי וואָגיק, אזוי פרײַ
און זיי לייענען און זיי מישן
און זיי רויכערן דערבײַ.
און די ווענטלעך קוקן אָן זיי,
אָט די הענט און אָט די טישן,
און די לאנגע אויסיעס בלאָנדזשען
אף די פרישינקע אפישן:

קיין שווארץ־טומע קומט א טרופע,
זי וועט שפילן שטארקע דראמעס,
און זי שטעלט „די שווארצע כופע",
„בראנדל קאָזיק" און „שולאמיס".
טוט א זאָג דער טרעגער לייזער:
מע וועט שפילן (ס'איז א איניען)
וויאזוי א גראף א בייזער
האָט געשטאָכן די גראפינע.
און אקטיאָרן אלע, אלע
וועלן קומען זיך באווײַזן
דעם נאראָד די קונצן ווײַזן,
ס'קומט בראנדעסקאָ מיט זײַן קאלע.
ס'לאכן ברוסטיק באלעגאָלעס:
— עפעס איינער א מיכאָעלס,

און מע זאָגט אפילע גוזיק
קומען וועט אהער קיין גרוזיע.

מע וועט קומען, וועט מען זעען,
וועט מען זעען און זיך פרייען.—
און זיי זיצן און זיי מישן
בײַכיק, בערדיק בא די טישן,
בלאָנקען, בלאָנדזען פינגער האָריקע
איבער „עמעס״, איבער „שטערנס״
און מע פּיפּקעט די מאַכאָרקע
און מע סאַפּעט ווי די בערן.
און די ווענטלעך פינטלען, קוקן
אויף די קעפּ און אויף די פּליכן,
ווי סע בייגן זיך די רוקנס,
ווי די אויגן זוכן, זוכן.

די פּאַרוואַלטערקע ז׳פאַרנומען,
מענטשן גייען, מענטשן קומען,
הונדערט פופציק צוויי באַזוכער—
און אינגאַנצן פערציק ביכער,
און מע קען זיך ניט צערײַסן.
וויפל מאָנענדיקע בליקן!
„ליינט דערווײַל די לעצטע נײַסן
ביז מע וועט נאָך ביכער שיקן״.

דעם א בלאַט און דעם א ביכל,
— שוין געליינט און שוין געלעזן...

... שוואַרצע צעפּ, א רויטינק טיכל
און א קליין פּאַריסן נעזל...
מ׳איז בערויגעז, מ׳איז צופרידן,
מיכל מעניעס נאָר דער אלטער
איז בערויגעז אויף די ייִדן,
ר׳האָט געוואָלט זײַן א פּאַרוואַלטער.

ברענט אין אים צו זיי א סינע,
מ׳האָט גענומען א פּאַרטינע...

ווינציק אָרט און ווינציק בענקלעך,
טראָגן מענטשן זיך ווי ווילדע,
אַלע ווינקלען זײַנען פול דאָ
און מע רויכערט און מע שפּילט דאָ,
ווער אין שאָך און ווער אין ביינדלעך,
אַלע ווינקלען זײַנען פול דאָ...

הענגט א ראדיאָ אינמיטן,
באלעגאָלעס יונגע זיצן
און סע שיטן זיך און שיטן,
און סע שיטן זיך די וויצן.

און די ראדיאָ גענעצט, גענעצט,
עפּעס שרײַט א קאָל פון עפּעס,
דורך די שטעט און דורכן גרענעץ
טראָגט א באס זיך דורך די סטעפּעס:

„סאטאנא טאם פּראוויט באלע־ע־ע־ע,
ליודי גיבנוט זא מעטאלע,
אלע באלע, אלע באלע,
זא מעטאלע, זא מעטאלע...
— — — — — — —
— — — — — — —

און סע גייט אזוי דער אָוונט
און די ראדיאָ טאראבארקעט,
פּלוצלינג ווערט די ראדיאָ נאָענט,
ס'רעדט די סטאנציע פון כארקאָוו.

ס'רעדט די סטאנציע, שרײַט זי, וועקט זי
שטעטלעך, דערפער, שטעט און לענדער:
„ס'וועט אין יִידיש זײַן א לעקציע
וועגן שיקרעס און פארשווענדער״...

טוט א קרעכץ א יונגער טרעגער:
— פארן גלעזל גייט קיין טאנץ ניט,
מעג ער רעדן, שרייַען מעג ער,
נאָר סע פעלט אן איין־און־צוואַנציק...

שטיל, באהאלטן קנאקט מען קערלעך,
טוט א באָכער זיך א ווערטל:
— שווערלעך, ברידער, זייער שווערלעך
אָן א שנאפּס און אָן א קערטל...

— צו געזונט אייַך, ליבער פעטער,
ר'האָט בעעמעסן געגאָסן...
גאָט וועט שיקן נייַע בלעטער,
וועט מען דרייען פּאפּיראָסן!..

גייט דאָ רויִק און געלאסן
נאָכן דאָנערשטיק דער פרייַטיק,
רייַסט מען שטיקלעך, שנייַדט מען פּאַסן,
ס'קומט צונויף א גוטע צייַטונג...

און א באָכערל צעלאכט זיך:
— וויפל בלעטער וועט הייַנט בלייַבן?

די פארוואלטערקע פארטראכט זיך:
— ס'איז דאָ שווער ארכיוון קלייַבן...

קוילעס יונגע, ווערטער שווערע,
און סע ראשט דאָ און סע טומלט,
אין א ווינקל זיצט זיך בערע,
בערע זיצט און כאפּט א דרימל.

און סע גייט, סע גייט די גרויע,
און דער יונגער אוילעם פֿלינק איז,
יונגע יאטן — בלויע בלוזעס,
מיידלעך — רויטינקע קאָסינקעס...
און מע גייט פון אַלע זײַטן
בלעטער לייענען, ביכער בײַטן.

די פאַרוואַלטערקע פרעגט זיכער:
— וואָס אײַך געבן... ווינציק ביכער...
— וואָס ס'ניט איז, אבי צום לייענען...
— אָטשען פּראָסטאָ, כ'ווייס אַליין ניט...
— וואָס איר ווילט, נאָר קיין פּאָעט ניט...
— מיר טאָלסטאָי און מיר פורמאַנאָוו.
מ'איז געקומען און מע זעט ניט,
ווי סע פֿליט אַרײַן א גאַנעוו:
לאָקן גרויסע שווארצע האָט ער,
אויגן שווארצע שטיקער פײַער,
אף דער ליפּ — א גרינער בלאָטער
און אין בוזעם שטעקט א שפּײַער.
אף די פינגער — גראָבע רינגען.
צו דעם טישל צוגעשפּרונגען,
און א ברומקע שטיל און נאַריש:
— דאָברי וועטשער וואם, טאָוואַרישטש!

די פאַרוואַלטערקע ז'א בלייכע,
ס'איז די שטים בא איר א הויכע,
שטייט א מידע און זי הערט אים,
און זי הערט אים און דערקלערט אים:
ס'איז געוועזן און מ'האָט באַשלאָסן,
און זיי פּיפּקען פּאַפּיראָסן...

נאָר דאָס בלוט האָט זיך צעבערענט שוין,
ס׳האָט דער אוילעם אים דערקענט שוין...
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
... פאר קיין טשלען מיך ניט פארשריבן,
און א הורקע זאָל איך בלייבן,
ס׳וועט ניט גייען, אָטשען פראָסטאָ,
כ׳וועל דערלאנגען אזש קיין מאָסקווע.

און די ציין, די ווײַסע פינקלען,
און די אויגן זײַנע בליצן
און די ליפן — — — — — — —
— — — — — — — אין א ווינקל
פלוצלינג זעט ער בערען זיצן,
קען ער רויק שוין ניט בלײַבן
— — — — — — — — —
פעטש, געראנגל און גערודער
— זוכסט א יאָלד אף צו באשרײַבן,
האָסטו מיך געפאקט, זאנודע...

איינער טוט א כאפ דעם צווייטן,
און ער נעמט אים ווארגן, קנייטשן
און פארשליסט אים ווי אין קייטן
אין די הענט — — — — — — —
— — — דער אוילעם שטייט שוין,
גייט שוין,
דרייט שוין אין געשלעגן
זײַנע פויסטן, זײַנע קערפערס
און סע פאלן ווי א רעגן
אף די טישן ווערטער טערפקע.

מאנצבלען שרײַען, פרויען קוויטשען
און דער שוויס פון קערפערס רויכערט,
ביז פון זשאָרזשן יושעט בלוט שוין
און פון בערען יושעט אויכעט...
גיסט זיך בלוט אף פרישע בלעטער,
אף די דילן, אף די פאָנען:
— ניע טודא פּאַפּאלסא, פעטער,
שטייען ביידע ווי די האָנען.

הערצער רוישן, בלוטן יאָגן,
נאָך א יאָג און נאָך א פּלי טון
און מע רײַסט זיך ווידער שלאָגן,
נאָר דער אוילעם שטייט אינמיטן.

די מיליציע איז געקומען
און האָט זשאָרזשיקן פארנומען.
און ווי נעכטן און ווי שטענדיק
גייט דאָס לעבן אינעם שטיבל...

ס'האָט זיך גאָר דאָ ניט געענדערט,
מ'איז געזעסן, מ'איז געבליבן...

ס'ליגט דער אָוונט אף די שויבן,
צוויי—דריי צײַטונגען צעטראָטן...

א פּלאַקאַטל ווינקט פונויבן:

| |
|---|
| ס'איז דאָ רויכערן פארבאָטן |

.8

און ס'איז טאקע גרויזיק,
און ס'איז טאקע זומערדיק,
ביימעלעך און כאַטקעלעך
און בערגעלעך ווי דאָרטן.
נאָר ס'איז עפּעס וואָכעדיק
און ס'איז עפּעס אומעטיק,
און קיין מענטשן קומען ניט
אהער אַף די קוראָרטן.

אָנגעטון און אויסגעטון
די הארבסטן און די ווינטערלעך,
די מאנטעלעך די בלעטערשע,
די שנייִקע רעטאָנדעס,

גליטשען אף די פענצטער זיך
אָונטיקע הינטעלעך,
הינטעלעך און ציגעלעך
אף דעכעלעך אף בלאָנדע...

... און ס'איז טאקע גרוזיע
הימלדיק און שטערנדיק,
נאָר בא וועגן שטייען דאָ
ניט קיין קיפאריסן,
אלטע דעכער גרוזישע
טרייסלען מיט די בערדעלעך,
בלאָנקען איבער דעכעלעך
אָונטיקע גרוסן...

בלאָנקען מיט לאמטערנס
שאָטנס אין די געסעלעך,
ס'האָבן אלע סטעזשקעלעך
אין בלאָטע זיך פארלאָרן.
שטייען זיך די שטיבעלעך,
ווי אויסגעפארבטע קעסטעלעך,
טומלען זיך און דרעמלען זיך
קײַלעכיקע יאָרן...

— — — — — — — —
— — — — — — — —
— — — — — — — —
— — — — — — — —

— — — — — — — —
— — — — — — — —
— — — — — — — —
— — — — — — — —

— — — — — — — —
— — — — — — — —
— — — — — — — —
— — — — — — — —

קריכן וואָכן הוילע, פוילע,
שלעפן זיך ווי אלטע קליאטשעס,
פון שווארץ־טומע די באָכורים,
די באָכורים — זין פון גווירים,
פאָרן אלע יאָר אף דאטשעס,
אלע קײַלעכיקע יאָר.
גראָזן גרוזיער ווערן גרינער,
און די מיידלעך, די גרוזינער
פלינקע פונקען אונטער וויִעס,
שווארצע קלינגענדיקע האָר...
סטענגעס לאנגע ביז די קניִעס,
לאכן מיידעלעך ביז גאָר
פון באָכורים, ווי די קליאטשעס,
פון די יאָלדן, פון די דאטשעס
ווי זיי לעבן, ווי זיי ליבן,
אלע קײַלעכיקע יאָר
אזוי פיל און אזוי פרעך.
ס'האָט שוין בערע זיי באשריבן,
אָט די יאָלדן מיט די שניפסן
מיט די קעלנערלעך ווי בלעך...
און די מיידעלעך באשריבן
מיט די סטענגעס ביז די קניִעס,
מיט די אייגלעך, מיט די ליפן,
מיט די קליידלעך, מיט די מאָדעס.
הענגט דאָס לידל אף א גאנעק
אינעם געסל, ווו די באָד איז
און די גאנצע גרוזיע זינגט:

„ס'איז ארויס א נײַע מאָדע
„הויזן מיט אלייעס,
„אלע שיינע מיידעלעך
„דרייען זיך די פייעס.

„ס'איז ארויס א נײַע מאָדע
„לאנגע שינעלן,
„אלע שיינע מיידעלעך
„פודרען זיך און קוועלן.

„ס'איז ארויס א נײַע מאָדע
„רויטע פוליארן,
„אלע שיינע מיידעלעך
„גולייַען מיט קאָמיסארן"...

בא מיידלעך אויך דאָס לעבן פלינק איז,
סע לויפן טעג דאָ גאָרניט שלעכט,
מע טאנצט דאָ פריילעכע לעזגינקעס,
אף קאָרטןווארפט מען גאנצע נעכט,
פון עלפטן יאָר מע פירט שוין ליבעס,
מע זוכט כאַסאַנים קליינערהייט,
און ווו א גרוב און ווו א שטוב איז —
דאָס לעבן לויפט, דאָס לעבן גייט...

דאָ האָט מען פײַנט די טעג, די לאנגע,
איז זיצט מען, ווארט מען אף א נעס...
א באָכער קומט פון מאָלדאוואנקע,
א באָכער קומט, א יונג, א שלאנקער
און ברענגט מאטאָנעס פון אָדעס:

א נײַע שווערד, א שארפן מעסער,
און מיידלעך קוקן שוין ארויס...
אן אָרט איז דאָ אין יעדער הויז
פאר געסט פאר ווײַטע, פאר אָדעסער...

דאָס לײַב, די האָר זיי פּוצן אויס...
(בא מיידלעך אויך דאָס לעבן פלינק איז)
און ווי בא עמעסע גרוזינקעס
זײַנען בא זיי די אויגן גרויס...

ווי ווײַט, ווי ווײַט דאָרט אף קאווקאז
באַרינגלען בערגלעך יעדער גאס...

ווער זאָגט עס גאס? ניטאָ קיין גאסן,
די שטיבלעך קופּעסווײַז צעזייט,
פון פענצטער גיסט זיך מוטנע וואסער,
וואָס רופט זיך שײַן, וואָס רופט זיך פרייד;
א קרומער דאך, א קרומע וואנט,
מיט געלער ליים און שטרוי געלאטעט,—
דאָס הייסט אין גרוזיע א כאטע,
דאָס רופט מען הײַזער דאָרט אין קאנט...

די נעכט פון גרוזיע פארווייט
א הייסע ליד פון באלעגאָלעס,
די לעוואָנע דאָ נאָך פון אמאָל איז,
זי הענגט ווי פריִער נאָך און זי זעט,
ווי ליבעס ווערן דאָ געשלאָסן
אין גאס, אף בערגלעך און אף ערד,
זי הענגט און ס׳גיסט זיך ווײַסע ראָסע
אף פּאָרלעך יונגע און אף נעכט.

ס'איז גרוזיע רײַך מיט באַלעגאַלעס,
דער וועג פון גרוזיע דאָ נאָך שמאָל איז,
מיט קלײנע טירן, שמאָלע טירן,
נאָר באַלעגאַלעס קענען פירן
קײן סקווירע, פאַסטאָוו, קײן טשערקאַס,
מע קען פאַרפירן ביז קאַווקאַז,
ביז גרויסער גרוזיע, גרוזיע ברײטער
און ברענגען יאָנטעוודיק א גרוס,
א גרוס פון גרוזיע דער צווײטער.
— — — — — — —
— — — — — — —

באַלעגאַלעס? באַלעגאַלעס! — מיט די צוגן פאָרט מען,
קומט דער שײנער זומער, פאָרט מען אויף קוראָרטן..

ווארט די זון קאַווקאַזער, ווארטן בערג קודלאַטע
אויף די געסט פון מאָסקווע, טולע און סאַראַטאָוו...

ניט די הארטע קעלנער, ניט די זין פון גווירים
פאָרן אויף קאַווקאַז הײַנט, פאָרן זיך קורירן...

— אָפּרו! אָפּרו! אָפּרו!
האָבן בערג געקלונגען:
— פירט אהער די הערצער!
— פירט אהער די לונגען!

— אָפּרו! אָפּרו! אָפּרו!
— צוגן און טאַטשאַנקעס,
— פירט אהערצו מידע!
— פירט אהערצו קראַנקע!

— גרײט זיך: בערג און כוואַליעס!
— לײַט פון מי מיר שיקן!
ענטפערן די פעלדער,
ענטפערן פאַבריקן...

הייסע בערג און קאַלטע טאָלן,
גרוזיע!
גרוזיע!
שיינער קאנט!
סאקליעס,ביימער און אָולן
האָט צעזייט דאָ
אין די טאָלן
א געניטע פעסטע
האנט!

רוקן זיך, דרייען זיך, רוקן זיך רעדער,
ווינטלדיק, שווינדלדיק טראָגט זיך די ווײַט,
ווערסטן אנטלאָפענע, בלײַקע סעדער,
ס׳רײַסן זיך ווינטן די טשובעס פארשײַט...

בייגט זיך און ציט זיך דער צוג ווי פון גומי,
פאָרן זיי דרײַען אין הארטן וואגאָן,
פאָרן די שנײַדער, די דרײַ פון שווארץ־טומע:
ברוינע רעגינע, אָסקאר און אוראָם.

אוועק איז רעגינע פון שיקער, פון בערען,
אוועק אף א כוידעש און עפשער אף לאנג...
קלינגען אין דעכער די זילבערנע שטערן,
דרייט זיך די נאכט ארום צוג ווי א שלאנג...

שווינדלען געקעסטלטע רעקלעך און קעפּיס,
לויפט און צעלויפט זיך פון רוקנס די לאסט,
טראָגט זי דער צוג דורך אוקראַיִנישע סטעפּעס,
טראָגט זי דורך טעג און דורך נעכט אף קאווקאז...

ס'איז בערע דער שיקער, דער דיכטער און טרעגער
געבליבן אין גרוזישע געסלעך פארקלעמט,
אוועק איז רעגינע אף אנדערע וועגן,
און בערע איז ווײַט שוין, און בערע איז פרעמד...

ס'פלעגן די שנײַדערקעס אָפט צו איר ריידן:
— דו ביסט דאָך, רעגינע, נאָך יונג און נאָך שיין,
— דו ביסט דאָך א מיידל פון אונדזערע מיידן,
— איז זאָל זיך דײַן אלטער, דער שיקערער גיין!..

באהאלטן זיך אויגן ווײַט־ווײַט אונטער ברעמען,
אין פײַפן אין ווײַטע פארגייט זיך דער צוג,
זיצט לעם אָסקארן און דרעמלט אווערמל,
און דרעמלט און קוקט אף רעגינען און קוקט...

רוקן זיך, דרייען זיך, רוקן זיך רעדער,
ווינטלדיק, שווינדלדיק טראָגט זיך די ווײַט,
ס'לויפן די ווערסטן און ס'טראָגן זיך סעדער,
ס'רײַסן זיך וינטן די טשובעס פארשײַט...

הייסע בערג און קאלטע טאָלן
גרוזיע!
גרוזיע!
ווײַטער קאנט,
סאקליעס,ביימער און אַולן
האָט צעזייט דאָ
אין די טאָלן
א געזונטע פעסטע
האנט!

איבער קיפּאַריסן,
איבער הויכע סאָסנעס
האָט אַ זון אַ הייסע, האָט אַ זון צעגאָסן זיך...

שטייען סאָסנעס הויכע מיט צווייַגעלעך באַלאָדענע,
רינט די זון אַ מידע פון צווייַגן און פון נאָדעלעך...

שטייען קיפּאַריסן אין זומערדיקע העמדעלעך,
גיסט די זון מיט ריטשקעלעך, שיטן זיך די רענדעלעך...

קינדערלעך און עלטערע, אָנגעטון און נאַקעט,
הוידען די האַמאַקעס...

פּויערים און אַרבעטער,
קיִעווער און דאָנבאַסער,
קלימקעלעך מיט עסנוואַרג און פלעשעלעך מיט וואַסער...

אָטעמען די סאָסנעס,
לופטערן און פרישן,
איז ניטאָ קיין בענקלעך, איז ניטאָ קיין טישן...

קלימקעלעך מיט עסנוואַרג אויף דער ערד צעשאָטן,
קוקן בערג בערויגעזע, שפּרייטן קילע שאָטנס...

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

בערג און בערגלעך גרינע,
וואָלקנס שפּרייטן רויכן...

זיצט אַזוי רעגינע
אויף אַ באַרג אַ הויכן...

הימל איז פונויבן,
גרויזיע ליגט פונונטן...

גרויע צעפּ פון שטויבן
פלעכטן פלינקע ווינטן...

אזא פרישן אָטעם
גרויזיע האָט צעווייט דאָ...

ערגעץ ליגט אין בלאָטעס
גרויזיע די צווייטע?..

ערגעץ ליגט אין שענקל,
ערגעץ שיקערט בערל,

נאָר רעגינע בענקט ניט
נאָך זײַן הויכן שטערן...

נאָך די הייסע קושן,
נאָך זײַן ליד פאַרשײַטער,

ער איז פרעמד און מיִעס שוין,
ער איז איר א ווײַטער...

ס'האָבן צוגן בלויע
זיי צעשיידט אף שטענדיק,
זייער ליד די גרויע
האָט זיך שוין פאַרענדיקט...

ווען אף בארגן־קעמלען
איז די זון פאַרשוווּנדן,
האָט זי מיט אוורעמלען
לעבן אירס פאַרבונדן.

ווו די נעכט צעווייען
די שוואַרץ־טומער שטערן,
וועלן זיי אינצווייען
מער שוין זיך נישט קערן...

אינדערטיף נאָך שטילע
טליִען אַלטע וווּנדן,
דער, וואָס איז מיט מי־לייט
קרעפּטיקע פֿאַרבונדן,

וועט אַף אײביק מעקן,
פֿאָדעם, וואָס פֿאַרציִען
און אַף פֿרישע שטרעקעס
זיך אַפּסנײַ צעבליִען...

בערג און בערגלעך גרינע
וואָלקנס שפּרייטן רויכן,
זיצט אַזוי רעגינע
אַף אַ באַרג אַ הויכן...

און פֿון היים פֿון קויטיקער
הערט זי קוילעס, דאַכט זיך,
עפּעס ווערטער בויטען זיך
אין די וואָלקנס שוואַרצע...

פֿליִען קוילעס היימישע,
טאַנצנדיק און קנאַקנדיק:

הוליע, גרוזיע, ליימיקע
הוליע, הוליע, נאַקעטע!

9.

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

די זיצונג פון ראט האָט שוין לֿאנג זיך געענדיקט,
ראשיק און הייס איז געגאַן דער פארנאכט,
וויגט זיך די גרוזיע אף בערגלֿעך ווי שטענדיק,
טירלֿעך פארשלֿאָסן און לֿאָדנס פארמאכט,
די זיצונג פון ראט האָט שוין לֿאנג זיך געענדיקט...

ס׳האָבן העכער געזאָגט דורך די פענצטער די קוילֿעס,
די זיצונג פון ראט האָט געצויגן זיך לֿאנג,
בא פענצטער געלֿעגן איז גרוזיע א הוילֿע
און נאכט איז געקראָכן אף בערג ווי א טאנק,
ס׳האָבן העכער געיאָגט דורך די פענצטער די קוילֿעס...

ס׳האָבן לֿאנג שוין אזוי ניט געהודעט די בלֿוטן,
מ׳האָט לֿאנג שוין אין ראט ניט געשריגן אזוי:
— מיר ווילֿן ניט בלֿייַבן אצינד קיין בערקוטן!
— מיר ווילֿן ניט לֿאָזן! מיר ווילֿן ניט! לֿוי!
ס׳האָבן לֿאנג שוין אזוי ניט געהודעט די בלֿוטן...

און ס'האָט זיך צעטיילט די פארזאמלונג אף צווייען:
— פארניכטן די גרוזיע! גענוג זיך געשטיקט!—
האָבן פויסטן מיט קעפּ מיט צעוויגטע געשרייען
די ווענטלעך די פוילע פון שטיבל געוויגט,
און ס'האָט זיך צעטיילט די פארזאמלונג אף צווייען...

געזאָגט האָט א כאָפּטע: — מע דארף זיך ניט נארן!..
ס'איז גאָרניט מיט גאָרניט, ס'איז קיין און ס'איז שפּיי,
פארניכטן די גרוזיע, צעהאקן, צעשפּארן,
צעקנאקן אף פּיצלעך און בויען אפסניי,
ס'איז הויל און ס'איז פויל און מע דארף זיך ניט נארן!

געזאָגט האָט די צווייטע: — מע דארף זיך ניט נארן!..
מיר וועלן אָט דאָ שוין דערציִען די יאָר...
מיר וועלן זיך האָרעווען דאָ ווי קוסטארן...
... און בויען וועט שפּעטער דער יִינגערער דאָר...
ביז עפּעס... ביז וואָס... און מע דארף זיך ניט נארן!

דער יאט פון ספּאָלקאָם איז געקומען שוין שפּעטלעך,
דער יאט פון ספּאָלקאָם האָט זיי פּאָשעט דערקלערט:
— איר דארפט זיך ניט גלייכן צו שטעט און צו שטעטלעך,
די שטעטעלעך וואקסן און איר ליגט אין דר'ערד!
איר דארפט זיך ניט גלייכן צו שטעט און צו שטעטלעך!..

ס'איז טרוקן און פּאָשעט, געהערט און באשלאָסן:
— די מענטשן אף ארבעט! די הייזער — на снос
א ברודיקער שוויס האָט פון בערד זיך געגאָסן,
א קאָל טוט א דזשימזשע: — ס'איז ווער באלעבאָס?
ס'איז פּאָשעט און טרוקן, געהערט און באשלאָסן...

געלעגן איז גרוזיע אף בערגלעך צעשלײַדערט,
מיט וואָלקנס ווי שמאטעס ווי אלטע באדעקט,
געשלאָפן איז גרוזיע, נאָר טריט האָבן ווײַט דאָרט
די שטויבן געהויבן, די געסלעך געוועקט,
געלעגן איז גרוזיע אף בערגלעך צעשלײַדערט...

ווער לויפט דאָרט,
ווער יאָגט עס,
ווער וועקט עס דעם שליאך?
סע לויפט דאָרטן
איינער
צי ס׳לויפן אסאך?
זיי לויפן אינצווייען
פארשטויבט
און פארשמאכט,
דער שיקערער זשאָרזשיק,
די שיקערע
נאכט...
שמעקט אין דער לופטן
מיט בלוט
און מיט שלאכט...

ס׳איז זשאָרזשיק געלאָפן א בייזער, א רויטער,
די האָר האָבן שווארץ אף זײַן שטערן געברענט,
אין לײַב האָט געדרייט און אין הארץ האָט געבויטעט,
דאָרשטיק, צעביסן, צעריסן און קויטיק
האָט זשאָרזיק געפאָכט מיט די שיקערע הענט...

— איך וועל אים שוין פאקן, איך וועל אים געפינען —
האָט זשאָרזשיק צו זיך א צעהיצטער גערעדט:
— ס׳וועט בלוט זיך שוין גיסן, ס׳וועט יושקע שוין רינען,
איך וועל אים געפינען, געפינען, געפינען,
דעם טראכטער, דעם קוועטשער, דעם כונסקע פּאָעט...

— ער וועט שוין מיט זשאָרזשן קיין כאָכמעס ניט טרייַבן,
גענוג שוין אַף זשאָרזשיקן סטיכעס געמאַכט,
מייַן קאַלע האָט נעכטן געליינט און געלאַכט.
ער וועט שוין קיין סטיכעס אַף זשאָרזשן ניט שרייַבן, —
אַזוי האָט ער שיקער געבּרומט צו דער נאַכט...

ווען זשאָרזשיק האָט דול אין דער נאַכט זיך געטראָגן,
איז בּערע געגאַנגען צופוס פון וואָקזאַל,
דער צוג האָט פאַרשפּעטיקט, קיין פורל, קיין וואָגן,
און ס׳טאַנצן נאָר שאָטנס אַף קילבּלעכע ראָגן,
און ס׳לויפן נאָר ווינטלעך פון נאָענטן וואַלד.

ווי שיין דאָרטן אין קיִעוו די קלויסטערלעך גלאַנצן,
ווי ראַשיק אין קיִעוו איז אַף יעטווידער פלאַץ!
אין האַנט האָט געקנייטש זיך דער נייַינקער אָנצוג,
פאַרבּראַכט אין דער קרייַז־שטאָט א טאָג נאָר אינגאַנצן
און ס׳ווערט פון די נייַסן די קאָפּ אַזש צעפּלאַצט...

וואָס האָט ער דערציילט אים, דער יאַט דער גרוזינער,
ער האָט אים געזאָגט, אַז ער פּאָרט פון קאַווקאַז,
ס׳א ליגן... ס׳א ליגן... אוורעמל... רעגינע,
רעגינע... אוורעמל... און טראָפּעלעך רינען
פון שטערן, פון בּאַקן אַף פינצטערער גאַס...

און ס׳פּלאָנטען זיך, ס׳רייַסן זיך, ס׳יאָגן געדאַנקען...
דאָס בּריוול פון בּלאָנדן צום קיִעווער פּאָעט...
די הויכע טראַמווייַען, די לופטיקע גאַנקעס...
די גאַסן די לאַנגע, די בּיימער די שלאַנקע...
דער שרייַבּער, וואָס האָט ווי אין כאָלעם גערעדט...

„איז פּאָרט אײַך קיין גרוזיע און ארבעט... און גרייט זיך...
געוויס וועט איר ווערן אַ קיִעווער און גיך..."
האָט בערע געקוקט אפן דיכטערשן פּליך...
„איר האָט עפּעס אייגנס... נאָך ווינציק, פאַרשטייט זיך...
געוויס וועט איר ווערן אַ קיִעווער און גיך..."

„געזאָגט האָט מיר גאָרקי... (אמאָל זיך צערעדט דאָרט
אין יאסנע פּאָליאַנע אף ליאָוועס באנקעט)
— ס'א שווערע פּראָפעסיע צו זײַן אַ פּאָעט..."
— כמ... מ'לייגט דערווײַל הייגען, מאקסימען און העטען...
סע פעלט אײַך קולטור... נאָר ס'איז, כאָווער, ניט שפּעט..."

טעג איבער קיִעוו ליכטיקע בלויע,
טעג איבער גרוזיע — כמאַריקער סטעפּ,
פאַלן אף ביימער פאַרדרימלטע טויען,
וויקלען זיך געסלעך אין סאמעט אין גרויען,
געסעלעך שווארצע, ווי פּאַסיקלעך קרעפּ...

בערע גייט דורך געסלעך קילע,
גייט פאַרקלערט, נאָר פּלוצלינג זעט ער:

שפּאַנען שטאַנגען הויכע, שטילע,
שטאַנגען נאַקעטע אָן בלעטער...

שפּאַנען שטאַנגען רייען לאַנגע,
ווערן טונקלע ווינקלען העלער,
אף די פּלייצעס טראָגן שטאַנגען
ווי די הוטן גרינע טעלער...

דורך די געסלעך, דורך די ראָגן
לאַנגע סטענגע שטאַנגען דרייט זיך
און ווי פּאַקלען שטאַנגען טראָגן
לאָמפּן גלעזערנע אף פּלייצעס...

טרייסלען שטאַנגען מיט די דראָטן,
לאָמפּן פינטלען מיט די אויגן,
גאַסן, געסלעך, אַלע האָט מען
מיט עלעקטריש דראָט פאַרצויגן...

בערע גייט פון גאַס צו געסל,
אויגן זײַנע נײַקײַט שלינגען,
ווען דער טרויער זאָל ניט פרעסן,
וואָלט ער שוין געוויס געזונגען:

„יאָלקעס, פּאָלקעס, שטעקעלעך,
„סטויפּטשיקלעך אָן שיך,
„סטויפּטשיקלעך אָן זעקעלעך
„גייען, גייען גיך...

„קעלישאָקלעך שוואַרצינקע
„גיסן שוואַרצן ווײַן,
„טראָגן סטויפּעס האַרציקע
„שיסעלעך מיט שײַן..."

וואָס האָט ער זיך פּלוצים פאַרקוקט אויף די שטאַנגען?
... רעגינע... אוורעמל... דער קיִעווער פּאָעט...
זײַן טעכטערל שלאָפט אין דער פײַכטער זעמליאַנקע...
און ס'רוען די גאַסן און ס'כראָפּען די גאַנקעס...
... אוורעמל... רעגינע... די רוישיקע שטעט...

געענדיקט די שטאָט און געענדיקט די רייען,
אָט דאָס איז דער לעצטער, דער לעצטינקער שטאַנג,
זיי וועלן, די שטאַנגען, קיין גרוזיע ניט גיין?
זיי וועלן אָט דאָ טאַקע בלײַבן שוין שטיין?
אָט דאָ איז אַ סאָף, צי זיי זײַנען אין גאַנג?..

וואָס האָט ער זיך ווידער פאַרקוקט אַף די שטאַנגען,
וואָס האָט ער זיך ווידער פארקלערט און ער שטייט,
פון שטעטל אוועק און אהיים ניט דערגאַנגען...
געוויס וועלן מאָרגן צעטראָגן זיך קלאַנגען:
... רעגינע... אוורעמל... פאר סאָנים א פרייד...

ער זעט שוין, ער זעט, ווי די שמייכעלעך יאָגן,
די קלאַנגען אין גרוזיע... קלאַנגען אסאך,
זשמענקעלעך קלאַנגען פון שטיבלעך זיך טראָגן...
ער וועט שוין פארבלייבן אָט דאָ ביזן טאָגן,
ביז ס'וועלן די שכיינים ארויס אפן שליאך...

באַווייזט זיך א שיין אין א ווייטער כאַלופּע...
„ס'האָט לייקע געהאט פון איר טאטן א קינד,
„אף יידיש א פעלץ און אף רוסיש — א שובע,
„האָט מען געפונען דאָס קינד אין א טרובע"...
דערמאנט זיך דאָס לידל, וואָס גרוזיע זינגט...

געקומען צום בריק איז שוין בערע א מידער,
געזעסן איז בערע לעם בריק און געשטומט,
דער קאָפּ איז געלעגן אף אים א צעגליטער,
פון הארצן פון מידן געשפּארט האָבן לידער,
האָט בערע זיך פלוצים אין שטילקייט צעברומט...

„געבויערן האָט מיין מאַהעמע מיעך אין בלאָוואָטע,
„אין שטיהיבעלע הין קלייווויינעם אויעפן באוואַרג,
„געווייזען היז א שיהעקער מיין טאָוואָוואָטע
„מיין מהאָמע האָט געהאָוואָט א קרוהם אין מאוואַרק...

„געוואָעקסן כ'בין א באָוועכער א לאוואוואנגער,
„מ'האָט גערועפן מיעך אין גרוהוזיע דער נאוואַר...
„אמאָעל פארענאעכט ביווין איעך זאך מיער געגאוואהאנגען
„שפּאציערן היען שווארץ־טהעהעמער בולוואוואר...

„געלאָעפּן היז א מהיידעלע פּועך גרוהוזי,
„א מעהיידעלע שייווייוויין וויע גאָהעלד...
„צעוועפּעלעך שוואהארצינקע, א ציעצענע בלוווועזע,
„האָב איך זי פּאר א ווייַהייַבעלע געוואָעלט...

„מייַן ווייַהייַבעלע אוי עאיז פּון מיִער אנטלאָהאָהאָפּן,
„זי וויעל ניט קייוויין שיעקהער פּאער קיין מאוואן,
„זי האָעט זיך מיט אן ארבעטעטער געטראָעפּן,
„און איעז מיט הים אנטלאָעפּן מיטן באוואן...

„איך האָעב אוי עוויי א גריעסעלע באקוווווומען,
„וואָס עזאָל איעך אוי טווון מיטן קעהענד?..
„זי לעוועבט שוין מיטן שנייַהייַדערל אוורוהוהומען,
„א גריעסעלע האז ווהיי איז מיער און ווהענד”...

וואָס האָט ער זיך פּלוצים באנאכט דאָ צעזונגען?
וואָס טוט ער באנאכט דאָ אליין אפן בריק?
דער זייגער אין שטאָט האָט שוין דרייַ מאָל געקלונגען,
האָט פּלוצים א קלעם געטון נאכטישער הונגער,
איז גייען אין גרוזיע צי גייען צוריק?

וואָס פּלאָנטעט זיך ווידער, וואָס לאנג איז פארגאנגען?
... רעגינע... אוורעמל... דער קיִעווער פּאָעט...
וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט לויכטנדע שטאנגען
אָט דאָ בא דעם בריק, בא דעם קרומען און לאנגן...
וואָס שווייַגן די בערגלעך? ס׳איז פרי צי ס׳איז שפּעט?

האָט בערע געקוקט אף די שטאנגיקע רייען,
געקוקט אף די בערג, אפן בריק אזוי לאנג...
„זיי וועלן, די שטאנגען, קיין גרוזיע ניט גייען?
„זיי וועלן אָט דאָ טאקע בלייַבן שוין שטייען?
„אָט דאָ איז א סאָף, צי זיי זייַנען אין גאנג?”

.10

... נאקעטע פלעצער און געסלעך...
אלטע זעמליאנקעס ניטאָ שוין... ניטאָ פארשוווּנדן...
שטייט נאָר א קופּקעלע הײַזלעך ווי ליידיקע פעסלעך
און ווארטן מע זאָל זיי צעצינדן...

... קופּעס מיט ליים און מיט זאמד און מיט ציגל,
דאָס האָבן גרוזינער די אייגענע כאטקעס צעוואָרפן, פארברענט שוין,
סטויפּטשיקלעך לעצטע זיך וויגן,
זיך הוידען,
ווי שיקערע מענטשן...

אלע טאָג פון גאנצפרי גייען פלאמען צום הימל,
דאָס ברענען די לעצטע, די בעטלערשע הויפן,
ס'פאָרן לעצטע מישפּאָכעס ארויס קיין שווארץ־טומע,
די לעצטע
אנטלויפן...

אלע טאָג פון פארטאָג הערט מען זעגן און העקעלעך קלינגען,
ס'לעשט זיך אין פלאמען די בלייכלעכע ראָד פון לעוואָנע,
און ס'פלאטערן פלאמיקע צונגען
ווי פאָנען...

אף א בערגעלע מיסט שטייט דער „רעבע" און קוקט ווי די
הייזלעך פארשווינדן,
און זעט: אף א בערגעלע פראווען צוויי הינטלעך א פריילעכע כופע...
ער שטייט נאך דער רעבע און האפט, ס'וועט געשעען א וואונדער
און ס'וועלן נאך אופשטייען ווידער די פוילע כאלופעס...

אט שטייט נאך א שטיבל אוןווארט מע זאל קומען מיט לאמען...
א סרייפע אף כורוועלעך לעצטע, א שטורעם, א ווינט שיק!
ווער ווינט דארט אין שטיבל, וואס ברענט ניט? מע ווייסט ניט
זיין נאמען,
מע ווייסט, אז סע ווינט דארט דער עלטסטער אין קאנט
קאטערינשטשיק...

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

אף א בעטל, ווי א מיטע ליגט דער אלטער אף דער עלטער,
קומען בערדיקע כאלוימעס —
ווערט נאך קעלטער...

וואס כאלוימעס? ווען כאלוימעס? אזא היץ א פייכטע בראט אים,
צינדט די שלייפן,
בריט אין גארגל,
סטייעט ניט קיין אטעם...

אין א ווינקל שטייט צעריסן, שטייט צעפליקט די קאטערינקע,
אין א ווינקל...
און דאָס פעלכל פון דער מאלפע, פון דער טאנצנדיקער מאלפע
פון דער פלינקער
אין א ווינקל...

עך, אמאָל האָט ער געדרייט
און עך, אמאָל האָט ער געזונגען
אין א ווינקל,
פלעג מען עפענען די פענצטער,
און די קאָפּקעס פלעגן קלינגען,
ס'פלעגן קינדער אים באַרינגלען
אין א ווינקל...

האָט דאָס מאלפּעלע געשפּרונגען, האָט דאָס פּאָפּקעלע געטראָפן
אין א ווינקל...
און די טעג זײַנען געלאָפן
אין א ווינקל...
— — — — — — — —

אויסגעוועבן בא אים אין מויער ווי א ציל און ווי א טרוים איז,
קומען בערדיקע כאלוימעס...

קריכט אין קאָפּ דאָס אלטע לידל:
„אוי שומעל פּאָזשאר מאָסקאָווסקי"...
קיינער קומט אצינד ניט פרעגן:
„זאָג מיר, טײַערער, וואָס שלאָפסטו?.."

אף דער עלטער שלאָפט זיך מערער,
יאָרן שווערע...

בא דעם פענצטער שטייט א ביימל, טריקענען די לעצטע ווײַנשל,
און זײַן טעכטערל רעגינע קומט אפילע ניט אריַין שוין...

איינמאָל האָט ער זי געזעען,
דורכן פענצטערל געזעען,
דאָרט ווו מיידלעך בא די טישן
זיצן אויסגעזעצט און נייען...

אפן טיש זײַנען געפאלן אירע אייגעלעך די גרויע,
ס'איז איר טאטע א שארמאנשטשיק,
איז איר...
עפשער...
א ביזאָיען...

ער האָט נאָר געוואָלט ארײַנגיין,
האָט ער נאָר געוואָלט איר זאָגן:
ער איז אלט שוין...
ער איז קראנק שוין...
איז אים שווער די יאָרן טראָגן...

נאָר דער היטער איז געשטאנען אין א שווארצן פעלץ א שווערן
און געזאָגט אים:
— ווען מע ארבעט טאָר מען, ברודערקע,
ניט שטערן!..

ליגט דער אלטער אף דער עלטער, זעט ער:
פונעם ווײַנשל־בוים באם פענצטער
שיטן זיך
די לעצטע
בלעטער...

ווי אין כאָלעם: איבער שעטעך, איבער ברייטן
פליִען אָפּ פון זייַנע ציכן אלע אלטע בלויע קווייטן...

בלויע קווייטן...
יוגנט...
ליבע...
אזא היץ די שלייפן בריט אים און זי מאטערט און סע פיבערט...

וואָס איז אים געווען דאָ ווינציק?
וואָס האָט אים געשלעפּט אהינצו?
צו זייַן ווייַבעלע אין כאטע,
אז דער גאנעוו דער קודלאטער
מיטן בלאָטער אף די ליפּן
זאָל אים אָפּזועצן די ריפּן...

נאָר ס'איז גאָרניט... ס'האָט די שפּיל זיך שוין געענדיקט,
ס'איז ערשט איינעכטן געווען דאָ
מיכל מעניעס... און דערציילט אים... אז סע שמועסן די „בערקוטן"
וועגן זשאָרזשיקן ניט גוט...
דער סיפּאָן האָט זיך צעגאָסן אין זייַן מארך און אין די בלוטן
און קאפּוט...

— איצטער ליגט דער מאכער, הערסט?
אז סע שטינקט פאר זיבן ווערסט...

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

אף די ווענט זייַנען צעהאנגען שווארצע שמאטקעלעך פון אומעט...
אינעם כאָלעם זייַנעם זעט ער:

ווי אף שליאכן פון שווארץ־טומע,
ווייַט דאָרט, ווייַט דאָרט,
פון די געסעלעך די נאקעטע
טוט א הייב זיך א געבייַדע,
אזא מויער, אזא הויכער מיט מאשינעס א געפּאקטער,
טוט א ריס זיך...
יאָ, דאָס איז ער! יאָ, דאָס איז ער!
דעמאָלט... דעמאָלט... ניט פארגעסן...
זי... רעגינען... שטייען... פרעסן...

טוט א הייב זיך די געבייַדע, אזא הויכע, אזא נייַע,
טוט א שפּאן מיט טראָט, מיט בייזן איבער גאסן ווי א כייַע...

אָטאָ שווימט זי,
אָטאָ קריכט זי,
אָטאָ פליט זי ווי א פויגל,
ווי א פויגל, ווי א כייַע!
וויפל ברענענדיקע אויגן!

שארפע ציינער ווי קינזשאלן...
און די כייַע רוקט זיך, רוקט זיך,
און שווארץ־טומע
און די גרוזיע
פאר דער שווארצער כייַע בוקט זיך...
אָטאָ איז זי! אָטאָ איז זי!
אָטאָ שטייט זי מיט די נעגל,
אָטאָ גייט זי שוין אף גרוזיעס
קרומע אויסגעדרייטע וועגן...

אָ, וואָס לויפן זיי, די כאטעס, אינדערהייך מיט פלאמען שלאנקע,
און וואָס טראכקען זיי, די כאטעס, ווי צעיוטעטע טאטשאנקעס?

— — — — — — — — — — — — — —

אוי, ווּ זײַנען די זעמלִיאנקעס ?
פלעצער גלײַכע...
פלעצער פרײַע...
אף דער גרוזיע ליגט און הירזשעט, ליגט און אָטעמט שווער די כײַע...
שווארצע כײַע...

קליינע שטיבעלעך די לעצטע
דרייען זיך ווי קאטערינקעס,
דרייען זיך ארום דער כײַע
און זיי טאנצן און זיי ווינקען...
פלאמען... פונקען...
און פארזינקען...

ברענען אויגן בא דער כײַע,
ווי קינזשאלן, גלאנצן ציינער,
און די כײַע שלינגט זיי אלע,
ניט געבליבן איז שוין קיינער...

טוט א קוויטש דער קאטערינשטשיק
פון דער היץ, וואָס אים צעברענט האָט:
— לאָמיר... לאָמיר... ווּעמען ?.. וווּהין־זשע ?—
ס'האָבן יאָרן אים געפּענטעט...

און א קעלכל טוט א צי אים...
פליען ? (פליען ?( פליען ? (פליען ?)
ס'טליט די פוילקײַט, ס'ברענט די הויט...
— דאָ איז אויסוועג דײַנער — טויט !..

לעם זײַן פענצטער א פארוויאנעט שטייט דאָס לעצטע דינע ביימל...
פון דער כײַע גייען רויכן ווי פון טויזנטערער קוימענס,

רויכן שווארצע און געדיכטע... שווארצע כײַע ווו אוועק איז?
אויגן פינטלען, ווינקען, פינקלען: זע נאָר, זע נאָר איבער
שטרעקעס:

בריקן לאנגע, הויכע מויערס, זון און בערג און סעדער גרינע,
א פאבריקל, גרויסע קינדער... און... אינמיטן שטייט... רעגינע!..

טוט א פלי פון אָרט דער אלטער,
עפעס האָט געטון א ברי אים
און אף אייביק צוגעשלאָסן
האָט ער זײַנע גרײַזע וויעס...

ליגט דער אלטער אף דער עלטער אינעם שטיבל אלטן...
קום, רעגינע, קום, גרוזינער,
לאָמיר גיכער אים באהאלטן!

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

סטאָפ!
גענוג,
כאלוימעס קראנקע!
אָט די ווינקלען הײלט און שפאנט
א געניטע, פעסטע האנט!..
— — — — — — — —
בערגלעך, סיטקעס און זעמליאנקעס...
גרוזיע!
גרוזיע!
גרויער קאנט!

# געוועטן

## זײַנען מיר געקומען...

װען איך בין געקומען, האָב איך שוין געטראָפֿן
מויערן און קרױנשטעט,
שטיבעלעך אין מיסט;
ס'זײַנען שוין דאָ שטראָמען פֿון די בערג געלאָפֿן,
ס'האָבן שוין די יאַמען שטורעמדיק געפּליסט.

איבער הױכע בײמער איז די צײַט געשװומען,
ס'האָט די זון געװאַרעמט,
ס'האָט געװײט דער װינט;
איך האָב אַלץ געטראָפֿן, װען איך בין געקומען:
קװאָרים פֿאַר די זײדעס,
סעדער פֿאַר מײַן קינד.

ס'האָט מײַן פֿלינקע יוגנט טרויעריק פֿאַרשטאַנען
ווו סע ווײנט דער אומגליק,
ווו דער הונגער שרײַט;
אין דער טיף פֿון ערדן נידערן די שטאַמען,
העכער פֿון די ביימער שווימט די קלוגע צײַט...

בין איך אויך געקומען הויכער צײַט באַצאָלן
פֿאַר איר קלוגן אומזין,
פֿאַר איר דרייסטן רוף;
כ'בין געגאַנגען זוכן סטעזשקעס אין די טאָלן,
סטעזשקעלעך, וואָס פֿירן שטענדיק באַרג־אַרויף!..

איז די צײַט געוואָקסן אין די העלע סעדער,
זײַנען מיר געקומען
מיט אַ יונגן דראַנג,
זײַנען מיר געקומען דרייען אירע רעדער,
זײַנען מיר געקומען ענדערן איר גאַנג!

ענדערן איר גאַנג און ענדערן איר פּאָנעם:
קוואָרים פֿאַר די סאָנים,
סעדער פֿאַרן פֿאָלק;
האָבן זיך אַ הייב געטון פֿריילינגדיקע פּאָנען,
שטיבעלעך פֿון מיסט און סטעזשקעלעך פֿון טאָל.

איבער הויכע ביימער זאָלן צײַטן שווימען,
זאָל זיך דאָרטן גיין דער בײַט פֿון טעג מיט נעכט;
אויב ס'איז אונדזער דאָר שוין אויף דער ערד געקומען,
וועט אַ דענקמאָל בלײַבן
אייביק אויף דער ערד!

# צו א פרײַנט

מײַן פרײַנט! דער אָל, וואָס דו טראָגסט אף די פּלײצעס אף דײַנע,
איז ניט אזוי גרינג ווי דו מײנסט,
דו שטײסט אף א פעלדז, אף א פעלדז אף א הויכן, וואָס הענגט
איבער יאמען צעריצטע,
און דו זעסט ניט, מײַן פרײַנט, אז דײַן קאָפּ איז אף יאמען אף
יענע ניט מער ווי א לעמפּל א קלײנס,
און ניט מער ווי א פלעק, ווי א גלאנציקער פלעק, איז אף יאמען
אף יענע דײַן פּלײצע...

איז ניט בויג זיך אף רעכטס,
און ניט בויג זיך אף לינקס,
ווייל דאָס פרעמדס, ווייל דאָס שלעכטס
קומט פון יאם אזוי גרינג,
ווייל די וויסטעניש הערט
אָט די ליד, וואָס דו זינגסט:

אָלן אלע טראָג איך גרינג,
אָלן היילן אלט און יונג,
אָלן ליגן ניט אין שטויב,
אָלן אלע העלע כ'לויב...

שיין איז די ליד, וואָס דו זינגסט, ווען דו שטייסט אפן פעלדז
און דו קוקסט אף די יאמען די בייזע,
ווייסט דאָך, מיין פריינט, אז דעם אָל פון דיין ליד און דעם אָל פונעם
שטיין אפן פעלדז דארף מען בלוטיק פארדינען,
און דו האָסט אים פארדינט מיט דיין לייב, מיט דיין קאָפּ, מיט
די בלוטן די הייסע,
איז געדענק־זשע, מיין פריינט, יעדער נויג פונעם פעלדז איז א
פאל... און דיין אָרט, ווו דו שטייסט אזוי שיין, וועסטו
מער ניט געפינען...

איז ניט בויג זיך אף רעכטס,
און ניט בויג זיך אף לינקס,
ווייל דאָס פרעמדס, ווייל דאָס שלעכטס
קומט פון יאם אזוי גרינג,
ווייל די וויסטעניש הערט
אָט די ליד, וואָס דו זינגסט:

אַלן אלע טראָג איך גרינג,
אַלן היילן אלט און יונג,
אַלן ליגן ניט אין שטויב,
אַלן אלע העלע כ׳לויב...

און געדענק נאָך, מײַן פרײַנט, אז דו שטייסט ניט אליין אפן פעלדז, אז מיט דיר שטייען נאָכעט און נאָכעט,
און אלעמען, אלע, וואָס שטייען ארום אפן פעלדז דאָ, פארשיידענע כוואליעס באשוועגקען,
און הויך איבער אלע אן אָדלער, אן אלטער מיט פליגלען מיט שווארצע, צעבלוטיקטע פאָכעט,
געדענק־זשע, מײַן פרײַנט, אז דו שטייסט אפן פעלדז אפן העכסטן, און סע בושעוועט יאם נאָך מיט כוואליעס, מיט ווילדע.
געדענק עס!

און ניט בויג זיך אף רעכטס,
און ניט בויג זיך אף לינקס,
ווײַל דאָס פרעמדס, ווײַל דאָס שלעכטס
קומט פון יאם אזוי גרינג,
ווײַל די ויסטעניש הערט
אָט די ליד, וואָס דו זינגסט:

אַלן אלע טראָג איך גרינג,
אַלן היילן אלט און יונג,
אַלן ליגן ניט אין שטויב,
אַלן אלע העלע כ׳לויב!..

## אפן זעלביקן וועג

שטיי איך אוף אַלע טאָג
אין דערזעלביקער שאָ,
ווען די נאַכט איז ניטאָ,

ווען די זון קומט אַרײַן
און באַגיסט מײַנע פֿענצטער
מיט שײַן.

און איך גיי אַלע טאָג אפן זעלביקן וועג
און איך ליב מײַנע טעג.

אפן זעלביקן וועג זײַנען טעג מײַנע בלוי,
זײַנען טעג מײַנע ווײַס,

אפן זעלביקן וועג
יעדער טאָג איז אַ נײַס.

און איך פיל זי, די פרישקייט,
די הויכע,
וואָס פליסט
אף דיזעלביקע טעג,

אפן זעלביקן וועג,
וווּ איך גיי און געפין,
וווּ איך גיי און פארליר,

און איך פיל זי, די פרישקייט,
די הויכע,
וואָס פליסט
בא מיין טיר.

גייט מען נאָך מיר
און מע לאכט ווען איך שריי.

ס'איז מיר טויזנט מאָל גוט,
ווייל דערזעלביקער וועג
און דיזעלביקע טעג
זיינען ניי,

ווען די זון קומט אריין
און באגיסט מיינע פענצטער מיט שיין.

# זײַט געזונט

זײַט געזונט, איר טונקלע שטערן,
ליבע שטערן, זײַט געזונט.
אף די אויגן הענגען טרערן,
אף די וואָלקנס הענגט דער ווינט.

זײַט געזונט, איר ליבע הײַזער,
אַלטע מאַמעס, אַלטע טעג,
די לעוואָנע ווי אַ ווײַזער
לויפט פאָרויס און ווײַזט דעם וועג.

און מיט שטערן, ווי מיט גלעקלעך,
קלינגט דער ווײַטער האָריזאָנט,
היטלען גרויסע, שמאָלע רעקלעך
נאָך פאַרבליבן פונעם פראָנט.

געסלעך אַלטע, אַלטע יאָרן
אײַך באַזינגען איז שוין שפּעט —
כעוורע לויפן, כעוורע פאָרן
פון די שטעטלעך אין די שטעט.

דאָ איז יעדער יאָנטעוו קלענער,
ווײַל ס׳איז גרעסער דאָ די רו,
דאָרטן זײַנען הײַזער שענער
און זאַוואָדן זײַנען דאָ.

זײַט געזונט, איר ליבע שטעטלעך,
מאַמעס אַלטע, אַלטע טעג,
בײמער שאָקלען מיט די היטלעך
און מע ווינטשט אַ גוטן וועג.

# הייבט די העק

שווימט א וואָלקן, לויפט א וואָלקן,
אינדערהייך א רעגן הענגט,
הויכע, ברייטע שטייען ביימער,
און דער וואלד נאָך העקער בענקט.

ווערט דער הימל גרוי און גרויער,
ליגט א וואָלקן ווי א פלעק,
— העקער, העקער,
הייבט די העק!

ס׳איז דער וואלד שוין הויך און ברייט,
ס׳זיינען ביימער רייף און גרייט,
רוקט זיך, בייגט זיך שוין דער הימל
שטילער גרויער צו דער ערד.
און די ווינטן ווערן פייכטער,
און די קאָרע פייכטער ווערט...

ביז דער רעגן וועט נאָך קומען
איז די העק אין הענט גענומען,
ביז דער וואָלקן וועט אוועק,
— העקער, העקער,
הייבט די העק!

## ליגט דער בוים...

איך האָב ליב צו קוקן אױף א בוים,
װען ער ליגט צעזעגן און צעשניטן,
און שטילקײט הײבט אים אָן דערמאנען
יענע װעלדער, װו ער איז געשטאנען,
װען א שנײ פלעגט שיטן שטיל און שיטן
אױף די װײַסע סטעזשקעס פון דער נאכט,
איז דער װאלד געװען פארשאָטן און פארטראכט,
און אמאָל נאָר פלעג א פלינקער שליטן
װעקן אים פון דרימל און פון נעכט...
איך האָב ליב צו קוקן אױף א בוים,
װען ער ליגט צעשניטן און פארקלערט.
װײַל איך װײס, אז אים איז שױן באשערט
שטײען שטאָלץ מיט װײַסע טעלעגראפן־שטאנגען,
און הויך פון רעשטאָװאניעס דערלאנגען...

איך האָב ליב צו קוקן אױף א בוים,
װען ער ליגט א נאקעטער, א שטילער,
זײַנע צװײַגן האָט מען שױן צעבראָכן,
זײַנע בלעטער האָט צעװײט דער װינט.
ליגט ער דאָ צעשניטן און סע רינט
פרישע זאפט פון זײַנע ערשטע שפאלטן,
זײַנע בלעטער האָט צעװײט דער װינט,
נאָר די װאָרצלען האָט דער װאלד,
האָט דער װאלד פארהאלטן און באהאלטן.
ליגט דער בוים א הױלער אױף דער ערד.

איך האָב ליב צו קוקן אױף א בוים,
װען ער ליגט צעשניטן און פארקלערט.

# בא מאשינען

אין די גרויע געסלעך
ווינטן־בלעטער מישן,
מיט די הייסע פּרעסלעך
שטייען מיר בא טישן...

ציך און בעזש און לײַוונט
גרויסע פּעק און שווערע
שטייען מיר און שנײַדן
מיט די נײַע שערן...

דאָס, וואָס איז פאַרלוירן,
זאָל אין מיסט זיך שלעפּן,
אונדזער ליבן גורל
שטעפּן מיר און שטעפּן...

קילע שאָען, קלאָרע
בא די פּענצטער רינען,
פליִען פרישע יאָרן
דאָ בא די מאשינען...

קאָן מען בויען כאטעס
פון די אלטע שטיינער!
ניצעווען די שמאטעס
וועט ניט וועלן קיינער!...

שנײַדן מיר און שערן
אויסגעוועפּטע צײַטן,
קאָן אונדז עפּעס שטערן
אלטס אף נײַס פאַרבײַטן?..

# אף די פעלדער אלעמענס...

ווען אף פעלדער היימישע און ברייטע
האָט מײַן ברודער צוגעמאכט די אויגן,
זײַנען מענטשן דרײַ אין סנאָפּעלעך געקליידטע
פון די סטעפּעס מיט א כאַלעם אָנגעפלויגן.

איינער האָט א שאל געטון, ווי פון א האָרן,
א דעפעש אין סטעפּעס אף די דראָטן:
„אף די פעלדער דײַנע זאָלסטו זייען קאָרן,
קאָרן נאָר אף פעלדער וועט געראָטן".

און דער צווייטער האָט א הייב געטון די פּלייצעס
און צעשריִען זיך אין ברודערס גרויסן אויער:
„אף די פעלדער דײַנע זאָלסטו זייען ווייץ נאָר,
ווייץ וועט וואקסן העכער פונעם טויער".

און דער דריטער האָט מיט סטעפּישע געשרייען
זיך צעשריִען אינעם שלאָף נאָך העכער:
„גערשטן אף די פעלדער זאָלסטו זייען,
וועט ער וואקסן העכער פון די דעכער".

האָט באקלערט מײַן ברודער די געשרייען:
וויפל ווערסטן ליגן שוין פארזייטע,
וויפל ווערסטן דארף מען נאָך פארזייען
אף די פעלדער אלעמענס און ברייטע.

## א געוועט

זומער, גאסן, רויזן, סעדער.
ערד אין בלי און שטאָט אין בלי,
לעם מײַן װױנונג שמעקט מיט לעדער
און מיט ארבעט און מיט מי.

פרישע רייכעס, רייכעס ברויזן
פון שאריִען און ביז שפעט;
צווישן לעדער מיט די רויזן
גייט א זאפטיקער געוועט.

פירט מען לעדער,
סעדער גרינען,
ס׳איז מיט בויונג פול די שטאָט.
שטייען שוסטער בא מאשינען,
בליִען רויזן אינעם סאָד.

רייזענס שוסטער איז ניטאָ שוין
און ניטאָ איז רייזענס ווײ,
ס׳איז זײַן קאנעצל פארלאָשן
און די אָל איז אין מוזײ...

און די ווײנענדיקע בלומען
ווײנען מער ניט אין די שטעט,
ס׳זײַנען בלומען אויך געקומען
אפן ניכטערן געוועט.

דער געוועט גייט שארף און גרויזאם,
יונגע רויזן מיט פאבריק.
...און דער לעדער האָט די רויזן
אין מײַן געסעלע באזיגט.

סעדער.
ביימער.
גאסן.
אומרו.
שמעקט מיט רויזן און מיט צוויט,
לעם מײַן ווײנונג שמעקט מיט זומער,
נאָר מיט לעדער שמעקט מײַן ליד.

# אין א פרעמדן גאָרטן.

איבער גאנץ אוקראַינע
שווימען העלע נעכט,
זיצן די ציגײַנערס
אָונטיק פארקלערט.

לײַוונטן צעהאנגען,
בײַדעלעך צעשטעלט.
נאָך א טאָג פארגאנגען
מיטן שטילן פעלד.

ווינטן ווערן ווייכער,
אין דער קילער פרעמד,
קומט א פרוי, א הויכע
פון דער ווײַט פארקלערט...

זאָגט זי ניט איר נאָמען,
נאָר די שווארצע צעפ
ווי צוויי שווארצע שטראָמען
לויפן אינעם סטעפ.

בא א מידן שײַטער
הירזשען מידע פערד,
און אביסל ווײַטער
זיך איך שטיל און הער:

„ס׳איז דײַן לעבן גרויליק
אף דײַן פאָטערס הויז,
פאלט דאָס צענטל צײלעם
און א שווארצע טויז.

אין א פרעמדן גאָרטן
זוכסטו אייגן גליק,
נאָר אף דײַנע קאָרטן
פאַלט דאָס מיידל פּיק.

און דער מיילעך טשערווע
ווארט שוין בא דײַן טיר,
טו זיך נאָר א קערווע
רויבט ער אַלץ בא דיר".

שטילקייט כ'האָב צעריסן,
גרויקייט כ'האָב פאַריאָגט.
„ווי־זשע קאָנסטו וויסן —
האָב איך איר געזאָגט, —

אף דײַן שווארצער שיינהייט
ליגט א שווארצער פּײַן,
און דו ווייסט אליין ניט
וואָס וועט מאָרגן זײַן.

אלע וועגן אָפן,
אָפן און באשײַנט,
שוין גענוג געטראָפן,
שוין גענוג, מײַן פרײַנט.

האָסט אזויפל פײַער
גלאט אזוי פארשווענדט,
א זאוואָד א נײַער
ווארט אף דײַנע הענט".

נאָר די ווערטער מײַנע
האָט זי ניט געהערט.
— — — — — — — —
איבער גאנץ אוקראַינע
שווימען העלע נעכט.

# קינדער

אָונט שטילער,
אַף די קלײטן הענגען שלעסער,
שאָטנס אַף די קלײטן װערן גרעסער.
הונגעריקע בלײכע און פֿאַרשמירטע
זיצן קינדער און דערצײלן אַ געשיכטע:

— איך בין פֿון פּראָסקוראָװ, — זאָגט דער ערשטער, —
און מײַן טאַטע איז געװען אַ בערשטער,
נאָכדעם איז אַװעק אין דאָרף מײַן טאַטע,
איז מיט קאָרן פֿול געװען די כאַטע,
אַלע זונטיק קאָרזשיקלעך געגעסן,
קײנמאָל אין דער כאַטע ניט געזעסן,
האָבן טעג געגאָסן זיך װי האָניק,
װי די זון באַטאָג אַף אונדזער גאַניק.
נאָכדעם הײבט זיך אָן אַ הונגער,
פֿעלדער ליגן דאָרשטיקע און דאַרע,
נאָר דער הימל שיקט ניט זײַנע כמאַרעס,
נאָר דער הימל קאָן ניט מאַכן גרינגער,
אין אַ טאָג אַ פּראָסטיקן, אַ קאַלטן
טאַטע־מאַמע כ׳האָב אַלײן באַהאַלטן.

אױפֿן הימל בליצן װײַסע שטערן,
זיצן קינדער דאָרשטיקע און הערן.
ליגט אַ נאַכט אַ הױכע און אַ ברײטע,
לעצטע קרעמער שליסן שױן די קלײטן.
קאַלט און האַרט און פֿינצטער װי די װאַנט —
האָט אַ צװײטער זיך דערמאַנט:
— װען פֿעטליורע איז אַרײַן צו גאַסט,
האָט זיך באַלד צערױשט די גאַנצע גאַס,

גאנצע טעג ניט אופגעהערט צו שיסן,
האָט מען קישנס, האָט מען בעבעכעס געריסן,
ווען מיט בולעוועס האָבן געיאָגט די יונגען,
האָבן טאפליעס אין די געסעלעך געקלונגען.
גאנצע טעג איז מען געגאן מיט פּיקעס
און געזוכט אין קעלערס באָלשעוויקעס.
ווען א טאָג, א ווײַסער איז פארשוואונדן,
זײַנען זיי צו אונדז געקומען,
טאטע־מאמע צוגענומען
און מיט שטריק, מיט גראָבע זיי געבונדן.
ווען איך בין ארויס פון שטוב מיט גוואלדן און געשרייען,
זײַנען זיי געהאנגען שוין אינצווייען.
כ׳האָב געוויינט, געוואָרפן זיך, געשריגן,
נאָר דער טאטע איז געהאנגען און געשוויגן.

אף די שליאכן רעדער רוישן העכער,
ווינטן מידע כראָפּען אף די דעכער,
רויכערן זיך שטערן און זיי שווײַגן,
די לעוואָנע גיסט זיך פון די צווײַגן.
שטערן ווערן קויטיק און צערונען
קאלט איז דאָ און ווײַט איז ביז באגינען.
און מיט יונגן רירעוודיקן ציטער
זאָגט דער דריטער:

— ס׳איז געווען א שטיבל, האָט מען עס פארברענט,
און מײַן טאטן האָב איך ניט געקענט.
כ׳האָב געהאט א מאמע, האָט מען זי געטויט,
האָב איך ניט קיין הויזן, האָב איך ניט קיין ברויט,
כ׳האָב געהאט א מאמע, האָט מען זי געטויט.
וויפל מענטשן זע איך—זײַנען אלע פרעמד.
כ׳וואָלט געגאן פארדינען—האָב איך ניט קיין העמד,
טירן וויפל — זעט נאָר, פענצטערלעך מיט שײַן
כ׳וואָלט געגאן אהינצו—לאָזט מען ניט ארײַן.

די אכסאניעס שטייען אויסגעפוצט און פוסט,
כ'וואָלט געגאן אהינצו — לאָזט מען ניט אומזיסט.

מ'האָט אמאָל געפאקט מיך אין א קאַלטער נאכט,
אין א הויכן מויער האָט מען מיך פארשפארט,
מ'האָט געהייסן לערנען און געגעבן ברויט,
איז געווען מיר סקוטשנע, סקוטשנע ביז צום טויט.
שלאָפט מײַן דארער לערער, שלאָפן אלע שלעק —
דורכן פענצטער הײַדא! הײַדא און אוועק.

הודעט אף די שטאנגען שלעפעריק דער דראָט,
לעשן זיך די שטערן, כאפט זיך אוף די שטאָט,
גייען לעצטע שומרים שלאָפן שוין אוועק,
און די מײַסע ציט זיך, ציט זיך אָן אן עק.

אף די גאסן פרישע ווינטלעך ציִען,
אף די גאסן הייבט שוין אָן שאריִען.
אף די גאסן,
אף די וועגן
זעט מען מענטשן—העמערלעך און זעגן,
פונעם הימל אפן בלויען דרויסן
קײַקלט זיך א זון א גרויסע.
לעצטע שטערן זײַנען שוין אנטלאָפן
זיצן קינדער הונגעריק, פארשלאָפן.
קוקן קינדער אף די מענטשן מיט די זעגן
און מע ווייסט ניט, מאָרגן אָדער שפעטער,
וועט מען אויך אוועק אף יענע וועגן,—
וועט מען שוין ניט נעכטיקן אינדרויסן,
וועט מען שלאָפן ווי די מענטשן אין א צימער,
און א גאנצן יאָר וועט זײַן נאָר זומער.
קויקלט זיך א זון א גרויסע,
קויקלט זיך פון אלע עקן —
אלץ וועט זי, די זון, באדעקן!

# יעדער נאָמען

יעדער נאָמען, יעדער נאָמען
האָט זיך זײַן באַליבטן ניגון,
היט די קינדער.
קאַלטע שטראָמען
וואַרטן שטענדיק בײַ די וויגן.

היט די קינדער. ניט קיין טויבן
פֿליִען הײַנט פֿון פֿרעמדע ערדן;
אונטער שטילע אָוונט־שויבן
שטייען סאָנים מיט די שווערדן.

היט די קינדער. ס'איז דאָך שענער
פּראָסטע פֿריד פֿון הויכן טרויער:
ניט קיין ווײַטע הויכע מענער —
זאָל מען וואַקסן שטילע בויער.

זאָלן שרײַען, זאָלן דראָען
די, וואָס האָבן לאַנג געשוויגן.
היט די קינדער. שוואַרצע שאָען
וואַרטן שטענדיק בײַ די וויגן.

## גאָלדענע פלעשער

דו האָסט מיר דערמאָנט, ווען מיר זײַנען געגאנגען,
ווי נאכט איז געפאלן פארקלערט אין קאמיש:
— געזונגענע לידער, פארגעסענע קלאנגען
אין גאָלדענע פלעשער
בא דיר אפן טיש.

דו האָסט מיר דערמאָנט אין די אלטע געזאנגען,—
מיר זײַנען געפלויגן פארמאטערט און פריש.
— פארבלוטיקטע לידער, צעשאָסענע קלאנגען
אין גאָלדענע פלעשער
בא דיר אפן טיש.

דו האָסט מיר דערציילט, ווי א מענטש איז געהאנגען
אף פעלד יעליסייער לעם הייסן פאריזש:
— פארפרוירענע לידער, פאריאָסעמטע קלאנגען
אין גאָלדענע פלעשער
בא דיר אפן טיש.

דו האָסט מיר געוויזן, ווי זון איז פארגאנגען,—
אין סטעפ האָט א רעגן די שניטער געפרישט.
— געברידערטע לידער, געשוועסטערטע קלאנגען
אין גאָלדענע פלעשער
בא דיר אפן טיש.

דו האָסט זיך באוויזן מיט קוילן באהאנגען.
דײַן פרענטש איז שוין אלט און צעריסן, נאָר פריש.
צעהוליען זיך לידער, צערוישן זיך קלאנגען
אין גאָלדענע פלעשער
בא דיר אפן טיש.

## שיינער טומל

כ׳האָב דיך ליב, מייַן שיינער טומל,
ווען דו בונטעוועסט אין מיר.
יאָרן גייען, יאָרן קומען
און דו בונטעוועסט אין מיר...

וואָס מיר דרימלען, וואָס מיר שווייַגן,
אז דו בונטעוועסט אין מיר!
ליגט א מידקייַט אף די צווייַגן,
נאָר דו בונטעוועסט אין מיר...

וואָס איז קרומוועג, וואָס איז שיידוועג
אויב דו בונטעוועסט אין מיר!
ס׳איז מיר טויזנט מאָל הייַנט פריידיק,
וואָס דו בונטעוועסט אין מיר...

## זאָלסט מיך ניט פארלאָזן

אינעם וואלד דעם הויכן,
אפן שמאָלן שיידוועג
האָב איך דיך באגעגנט
רייצנדיק געקליידעט...

יוגנט מײַנע, יוגנט,
האָב איך דיך באגעגנט,
שפאנען איבער וועלדער,
זינגען אף די וועגן...

איבער וועלדער הויכע
ענגען הימלען ליידיק,
האָבן מיר באקאנט זיך
אפן שמאָלן שיידוועג...

האָסטו מיר געהייסן
מיט דײַן פלינקער העלקײַט
אף די אלטסטע שליאכן
קיינמאָל ניט פארוועלקן.

אינעם וואלד דעם הויכן,
אפן שמאָלן שיידוועג
זײַנען מיר געלאָפן,
יוגנט מײַנע, ביידע.

טעג אוועק מיט וואָכן,
כוידעש גייט נאָך כוידעש,
האָבן זיך די צווייַגן
איבער אונדז צעהוידעט.

הילכן ווייַטע וואָכן,
אומרויִקע וואָכן,
האָבן זיך די צווייַגן
איבער אונדז געבראָכן.

האָבן זיך געדויכערט
איבער אונדז די יאָרן,
לויפֿן מיר נאָך ביידע
אומרויִקע, קלאָרע...

אין די הייסטע שלאַכטן,
אין די קאַלטסטע צוגן,
האָסט מיך ניט פֿאַרלאָזן,
יוגנט מייַנע, יוגנט...

ס'איז דער וועג צעשניטן:
פֿינצטערקייַט און שייַטערס...
יוגנט מייַנע, יוגנט,
לאָמיר לויפֿן ווייַטער!

יעדער קער — אַן אופֿרייַס,
יעדער שפּאַן — אַ לאָזונג,
יוגנט, מייַנע, יוגנט,
זאָלסט מיך ניט פֿאַרלאָזן!

# כויוועס

סע קומט פון מיר א כויוו...

(בליומע ראפאָפּאָרט)

ס׳איז דער הימל טונקל־בלוי־ווײַס,
לעצטער וואָלקן לויפט צום ראנד,
גיי איך צאָלן מײַנע כויוועס,
מײַנע כויוועס פארן לאנד.

פון אָט־דאָ ביז ענדן עקסטע,
פון אָט־דאָרט ביז טיפסטן טאָל
דארף איך דעקן מײַנע וועקסלען,
מײַנע וועקסלען פון אמאָל.

אָט די וועקסלען מײַנע דעק איך
ניט מיט זילבער, ניט מיט גאָלד,
נאָר מיט בלוט אף ווײַטע שטרעקעס
האָב איך שוין א טייל באצאָלט.

פאר דעם רויך פון אָט די קוימענס,
פאר דער שיינקייַט פונעם שליאך,
פאר די שטעט און פאר די ביימער
קומען קומט פון מיר אסאך...

כ׳האָב פארגעסן, ווו מײַן הויף איז,
ווו מײַן שטוב און ווו מײַן פּלויט.
איינס געדענק איך: מײַנע כויוועס
דארף איך צאָלן ביזן טויט.

## ווי א ברודער...

ס׳וועט מײַן אומרו קיינמאָל זיך ניט ענדיקן,
קיינמאָל ניט פֿארגעסן מיך אין וועג,
פֿון מײַן לויפֿן פֿון מײַן שטענדיקן
פֿליִען לופֿטיק יאָנטעוודיקע טעג.

לויפֿן פֿיס אף לאָנקעס ווײַטע, מונטערע,
פֿליט מײַן קאָפּ אין בלאָוון אומעטום.
וועט קיינמאָל קיין פֿראָסט מײַן לײַב ניט ווינטערן,
וועט קיינמאָל ניט שילטן מיך די זון.

גייען כעוורע פֿריילעך און פֿארהאָרעוועט,
טריפֿן הענט מיט יאָנטעוודיקער מי,
אף די פֿעלדער קאָסען יידן קאָרענע —
איז מיר גוט פֿאר יענע און פֿאר די.

פֿון מײַן לויפֿן פֿון מײַן שטענדיקן
פֿליִען אומרו־פֿײַלן אָן א שיר,
ס׳וועט מײַן אומרו קיינמאָל זיך ניט ענדיקן,
ווי א ברודער בלאָנקעט ער מיט מיר.

1927.

# איך בין שוין אן אנדערער...

געסלעך קאָנאָטאָפּער,
וועלדער קאָראָסטישעווער,
בלעטער מאנוסטרישטשער,
טיקאטש,
לאָס
און טעטערעוו...

איבער שליאכן אײַערע הוידעט זיך מײַן יִשעוו,
מײַנע יאָרן טראָגן זיך ווי צעווייטע בלעטער...

וויפל מאָל געזעען אײַך?
וויפל מאָל געהערט פון אײַך?
שטעטעלעך ווי שטײַגן,
טײַכעלעך ווי בעכערלעך...

איר וועט ניט דערקענען מיך: איך בין שוין אן אנדערער,
הימלען גרויע בעזשענע, וואכן וואָלקנס וואָלענע,
זײַט געזונט,
גערטרײַנקע,
זײַט געזונט,
איך וואנדער שוין
איבער פעלדער שטיינערנע,
איבער ווערסטן שטאָלענע...

און איך בעט אײַך, טײַערע:
ניט באַלייט מיך וויינענדיק
און ניט קוקט בערויגעז אף מײַן ווײַטער פלייצע,
יעדער אײַער שטויבעלע איז מיר איצט
א שטיין אין וועג,
יעדער ווייטיק אײַערער פּײַניקט מיך און רייצט מיך...

איבער סאָסנעס הויכע שטעטלעך בלויע הענגען נאָך,
שטעטעלעך מיט וואָלקנדלעך און ליכטיקײַט באוואכטע,
גייט אראָפּ, איר בלויינקע!
גייט אראָפּ, איר קליינינקע!
לאָמיר נעמען טאָרבעלעך
און גייען אין די שאכטעס!

כ'בין אוועק אף וועגן שענערע און העכערע...
טראָגן מיך שוין אנדערע פרילינגדיקע שטראָמען.
זײַט געזונט, איר קוימענדלעך, זײַט געזונט, איר דעכעלעך,
לאָמיר זיך געזעגענען אף שטענדיק און אף טאָמיד.

## אין א נײַער קאַרעטע

אין א נײַער קארעטע
פליִען טעג געגארטע...

פרישע און געטעסעטע
קומען מײַנע בעסטע טעג...

רופנדיק און פּראַסטיק
פליִען טעג פון מאָסקווע...

שווארצע און פארפּאליעטע
לויפן טעג פון סטאלינע...

פריידיקע און שטארקע
גייען טעג די כארקאָווער.

און דורך ווערסטן שפּאנען
טעג ביראָ־בידזשאנער...

אינעם זומערס בליִונג־צעך
הייסע טעג צעקלינגען זיך...

לויטערע צעפּענצטערטע
קומען מײַנע שענסטע טעג!

פליִען טעג געגארטע
אין א נײַער קארעטע...

## א גרוס

איך בין ווידער מיט אײַך... איך בין ווידער...
— א גרוס פון אוקראַיִנישן ברעג,
כ׳האָב געבראַכט מײַנע לירישע לידער
וועגן אונדזערע עפּישע טעג.

אײַער שטאָט איז מיט שיינקײַט באַוואַקסן,
מיט בעטאָן און מיט צוקונפט באַנײַט,
און ס׳איז גוט אײַך: איר טראָגט אויף די אַקסלען
די הייך און דעם רויך פון מײַן צײַט.

אײַך איז גוט: איר זײַנט וואָכיקע בויער,
אײַער ליריק איז: ציגל, בעטאָן,
זײַט איר שיקער פון יעטווידן מויער,
וואָס הויכט אין מײַן לאַנד, ווי א פאָן.

יעדער קלאַנג פון מײַן בלוט פון מײַן קלאָרן,
פון מײַן אָטעם דער ווײַטעסטער ריר
טוט א הילך, טוט א פויק אין די יאָרן,
ווײַל איך רעד מיט די ווערטער וואָס איר...

ווײַל כ׳האָב פײַנט אָט די קעפּ ווי די כמאַרעס,
די גרייטע פאַר שטריק אפן בוים,
דאָס פאַרטרונקענע קאָל פון גיטאַרע,
און פון ווײַנען דער סאַם און דער שוים...

איך וויל ניט, איך דאַרף ניט קיין דענקמאָל,
מײַן ליד איז ניט מער ווי א שטיין,
איך וועל אײַער אויפבוי געדענקען,
איר געדענקען זאָלט ליד, וואָס איך ברענג.

און באַ אײַך און מיט אײַך, ליבע ברידער!
לאָמיר טראָגן דעם קלוגן געוועט:
לאָמיר זינגען די מונטערסטע לידער,
לאָמיר בויען די מונטערסטע שטעט!

# לידער וועגן דרויסן

# א באגעגעניש אין קרים

ל. אבראמען.

ווען
זון איז הויך און ווײַט
און פראָסט באשיט די גאס
מיט ווינטעלעך פון קאלטקייַט,
ווען
ווינטער ווארפט מיט ווײַסן יונגן זייַד
אף פעלדער ווײַטע, אלטע,—
דערמאָן איך זיך אין קרים,
אין יאם,
אין א באגעגעניש
לעם יאלטע.

ווען ס׳ווערט באדעקט די ערד
מיט לויטערקייט און שנייען,
דערמאָנט זיך מיר דיולבער,
די לויטערע אלייען
און —
מיר אינצווייען.

כ׳געדענק:
ארום אין גרינס, אין העלן גרינס די ערד,
ארום איז פליאזש און זון און בערג,
און לייבער ווערן פול מיט שײַן,
און לייבער ווערן שטארק ווי ווײַן...
...אין לייבער ליגט די קעלט פון די אָקאָפּן
און ס׳קילן קוילן סוינעשע צעזייט —
איצט ליגט די זון בא זיי צוקאָפּנס
און כוואליעס טאנצן ארום זיי.

כ׳געדענק:
נאָך טעג אין בלוט, אין רויך, אין פלאם
געקומען זײַנען מיר צום יאם
פון ווײַטן פײַקלענדיקן שליאך
די קראנקע לונגען היילן
און כוואליעס זאָלן מײַסעס גרויזאמע דערציילן...
מע זאָגט, אז דיכטער ווייסן זייער שפּראַך,
סע רוישט דער יאם —
מע זאָגט,— ער וויינט, מע זאָגט — ער לאכט —
דאָס האָבן דיכטער אויסגעטראכט...

געהערט האָב איך א ווערטעלע און אַלטס
אמאָל באנאכט אף גרויע באריקאדעס,
געהערט: אז לעוואָנעס ווײסן אַלץ
און זונען ווייסן דאָך אוואדע...

דאָס האָט מען אויכעט אויסגעקלערט
אין טיפע ווינטערדיקע נעכט.

די ווײַט איז הויל,
די זון איז פויל,
זי ליגט אין גראָז,
זי וואַלגערט זיך אין בלומען,
זי ווייסט אפילע ניט
פונוואנען זײַנען מיר געקומען...

די לופט איז ריין ווי גלאָז,
דער הימל הוידעט זיך אף הויכע קיפאריסן
און ס׳ליגט דער טאָג מיט הויכער זון אין גראָז
אף שטיקלעך טויזנטער צעריסן...
ווי יונגע הירשן
יאָגן כוואליעס צו דעם ברעג געשווינד
בא פענצטער פון דיולבער, ווו ס׳פלעגן שטייען פירשטן,
שטייען מיר אצינד.

ארום איז בלויס און העלס און גרינס,
און ביימער, סעדער ניט געזעענע,
כ׳האָב דיר געשענקט א ביכעלע א דינס
מיט לידער מונטערע און קליינע...

כ'האָב זיך געשעמט,
וואָס לידער מײַנע קלינגען אזוי שטיל,
וואָס לידער מײַנע הודען ניט ווי יענע יאָרן,
און ס'האָט מײַן בליק זיך שעמעוודיק פארלאָרן
אין קיל פון ליכטיקע אלייען...
כ'האָב זיך געשעמט:
איך האָב דעם יאם
צום ערשטן מאָל
געזעען...

א ביכעלע א דינס...
מיט לידער קורצינקע און שטילינקע אזוינע...
א ביכעלע אזא איז אויכעט א געווינס,
ווען די פארלאגן דרוקן נאָר געוינים...
...ס'איז קלאָר:
דאָס איז געווען אין צוואנציק צווייטן יאָר...
— — — — — — — — — — — — —

...מיר... די יינגלעך,— שווער צו זאָגן,
צי האָבן מיר געשריבן, צי געשטיפט,
אליין, אליין פאפיר געטראָגן,
די ראָד געדרייט, געזעצט דעם שריפט...
— — — — — — — — — — — —

דו זיצסט און מישסט די פרישע זײַטלעך...
דער טאָג איז שטיל, נאָר ערגעץ ווײַטלעך, ווײַטלעך
פּאטשט א פויגל מיט די פליגל...
פליסט א טאָטערישער טרויעריקער ניגן...
— — — — — — — — — — — —

און פלוצלינג כ'זע:
ניטאָ קײַן הויף,
דער יאם אנטלויפט,
די ווײַסע ווענט פארשווינדן,
ניטאָ קיין קיפאריסן...

...א נאקעט פעלד און מענטשן...קוילעס...וואונדן...
מיר ליגן נאָר אינצווייען
און מיר שיסן...
טאָג צי נאכט ? ס'איז הוילע פּלעצער...
דו און איך...
א שוסטער און א זעצער...
און לעוואָנע מיט פארלאָשענעם געזיכט...
א טויטקייט יאָגט,
א טויטקייט שלעפּט,
א טויטקייט רופט
פון שווארצן סטעפּ...

ס'איז גאָרניט...
ס'איז די לופט...
די לופט איז פול מיט ווייַן,
זי שיקערט אין די קעפּ...
זי מאכט אונדז שווער,
זי מאכט אונדז מיד און מידער.

ס'איז ווייַס דיולבער,
דאָס ליגט אף אים דער פראָסט פון מייַנע לידער...—

ס'איז קלאָר:
דאָס איז געווען אין צוואנציק צווייטן יאָר...

סע יאָגן טעג און נעכטנס העכער ברענען,
און אנדערש קלינגט שוין אונדזער ביידנס שטים,
כ'געדענק אצינד באגעגענישן יענע
באם יאם, אין קרים.
— — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב ליב דעם יאם,
דו ווייסט עס גוט,
כ׳האָב פיינט בא שמאָלע טײַכלעך זיצן,
און ווײַ צו דעם, וואָס זיצט בארוט
און ציילט
די איינעכטיקע
בליצן...
ס׳איז שווער די מי, נאָר ס׳מאכט ניט אויס,
די פראָזע
שווערער איז
פון מארשן...
דער בליק איז ווײַט, די קראפט איז גרויס,
נאָך טעג, נאָך מאָרגיקע איך גאר שוין...

מע שטערט פון רעכטס,
מע שטערט פון לינקס,
ניט גרינג איז אָנקומען און ווערן,
מיר וואקסן הויך, מיר גייען פלינק,
און בויגן אלע די, וואָס שטערן...

ווײַל שטרענגער מוז מען איצטער זײַן,
און פעסטער דארף מען שטיין באם רודער...

דאָס דולע בונטעווען פון פײַנט
באַרעכטיקט אונדזער שטרענגקייט, ברודער!

מיר זײַנען שטענדיק אף די פראָנטן,
ווײַל ס׳דויערט אומעטום דער שטרײַט,
מיר ווילן שטעט אין נײַקײַט אָנטון,
אין שטאָל, אין אײַזן...
ווער דארף זײַד?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך שטיי און קוק, ווי זאווערוכעס לויפן פונעם צווינטער,
איך הער, ווי זאווערוכעס זינגען אונדזער הימן.

אין קרים דערמאָנען זיך די גוטע ווינטערס,
און ווינטער כאָלעמט זיך מיר קרים...
שניי און פראָסט און ווינטערדיקע פראָזע
וואקסן איצט אין דורכזיכטיקן סאָד,
אף די פעלדער ליגן ווייסע גראָזן
און ווי דיולבער איז ווייס די שטאָט....

דער שטאָט אָט דער כ׳צי אויס מיין האנט,
מיין הארץ, מיין בלוט און מיינע גלידער,
און לעבן זאָל דאָס לענין־לאנד!
דאָס לאנד איז שענער פון די לידער!..

...און דעם, וואָס קומט פון קרעטשמעס פוילע וויסטע,
שטרענגער זאָג: דיין „איך" פארנויג!
באווייז מיט בלוט, ווער ביסטו און וואָס ביסטו,
און ניט מיט פליגל־וואָרט, און ניט מיט גלאנץ פון אויג...

מיר קוקן זיך ארום אביסל שפעטלעך,
ס׳איז ניט קיין סאָד, מיין פריינט:
פאראן אזוינע שרייבערלעך, פּאָעטלעך,
וואָס גוטע באָלשעוויקעס האָט מען פיינט....

מע יאָגט פון אונדז נאָך בולקעס ווייסע,
מע קומט אהער, ווען אלץ איז גרייט,
מע קומט, מע ברענגט א באָבע־מייסע,
מע שרייט: מיין לאנד! מיין דאָר! מיין פרייד!
די קונסט בין איך! די קונסט איז הויך!
און מע קוסטארעוועט, אז ס׳גייט א רויך.

ס׳איז גאָרניט, פּריַנט, און כאַפּט דער רועך עס,
א ביל, א קריץ, א ווינט אין פעלד,
איך הער דאָס קאָל פון וויַטע זאווערוכעס,
וואָס הילכן אף דער גאָרער וועלט...

און נאָכן לעצטן גלייזקן געראנגל,
ווען ס׳וועט דער פּיַנט צעריבן זיַן, צעמאָלט,
דעמאָלט וועלן מיר דאָס צעטל אלעמען דערלאנגען:
סע קומט א כויוו פון איַך — באצאָלט!

...אָ, מאָרגן!
איך זע, איך הער אין יעדן שפּאן,
אין יעדער ווינקעלע, אף יעדער שליאך,
די שיינע פעסטקיַט פון דיַן האנט,
די שטרענגע קלאָרקיַט פון דיַן שפּראך!

— — — — — — — — — — — — —

און:
ווען שארפער איז דער פראָסט אף גאסן און אף פעלדער,
אלץ מערער פיל איך זי די ווארעמקיַט פון קרים.
וואָס מער די שטיינער אף די שליאכן ווערן עלטער,
אלץ נענטער קלינגט די צוקונפטיקע שטים!

ווען זון איז הויך און וויַט
און פראָסט באשיט די גאס,
דערפיל איך זיי, די טעג די מאָרגיקע,
וואָס ליגן נאָך אין אונדז באהאלטן,
דערמאן איך זיך
אין קרים,
אין יאַם,
אין יאלטע...

# פרילינג אף סלאָבאָדקע

כוואַליען זיך די כוואַליעס
אף סלאָבאָדקער וועגן,
הוידען זיך די וואסערן
און כליופּקען זיך באם ברעג,
שווים איך אף מײַן שליופּקע
שווים איך זיי אנטקעגן,
שווימען זיך די שטיבעלעך
ווי שליופּקעלעך אוועק.

שטייען זיי די שטיבעלעך
אין וואסער ביז די קניִעס,
טאנצן זיך די כוואַליעס
אין פענצטערלעך ארײַן

ציטערן בערעזעס
און פינטלען מיט די וויִעס,
שפיגלען זיך אין וואסערן
און באָדן זיך אין שײַן.

וואסער ביז די פּריזבעס,
זיצט מען אף די דעכער.
שווים איך אף מײַן שליופּקע,
פּאָכט מען מיט די הענט.
— פּאָר געזונט און קום געזונט! —
שרײַט מען פון די דעכער,
שפּילן זיך די כוואליעס
און שפּרינגען אף די ווענט.

ליגן זיך די כמארעס
באם דניעפּער אפן הארצן,
הוידען זיך די שטיבלעך
אף וואסעריקער דעק,
און ס'וויקלען זיך די כוואליעס
אין סאמעטן אין שווארצע,
איז ווו־זשע וועט מען נעכטיקן?
דער טאָג איז שוין אוועק.

ס'נעכטיקן די כוואליעס
אין שטיבלעך אף די קישנס,
ווו־זשע זאָל מען נעכטיקן —
סײַדן אפן דאך.
דאָרטן אף די דעכער
וועט פריילעך און וועט פריש זײַן.
שלאָפט געזונט און זײַט געזונט
און האָט א גוטע נאכט.

# א שפּיל

עפּעס פאלט, עפּעס שיט
און איך זע ניט פונוואנען,
צי פון עפּל דער צוויט,
צי דער רויך פון די באנען.

א צעפּאטלטער שטויב
פון צעפּאטלטע רויכן...
לויפט מײַן בליק דורכן שויב
און דערקענט ניט די הויכן...

א געדריי, א געמיש
פון דער זון מיט די וואָלקנס,
אָט איז זון אף מײַן טיש
און אָט הענגט זי צעשפּאָלטן...

פליט מײַן בליק, זעט מײַן בליק,
ס׳ליגט די זון אױף מײַן הײַזל,
און אָט פליט זי צוריק
פון די װאָלקנס זיך װײַזן...

לױפט א נארישער טאָג
און ער כליופעט און פליוכעט
און סע פליט און סע טראָגט
מיט א זון־זאװערוכע...

ס׳האָט א סרײפע געדרײט,
האָט מײַן שטיבל געדרײט זיך,
האָט א פלאם זיך געלײגט
אױף זײַן שטױביקער פלײצע.

האָט א שטױב װי א מיל
זיך געדרײט ארום שטיבל,
ליגט מײַן שטיבעלע שטיל
מיט די שטױבן באשריבן...

אזא נארישער טאָג
איז שױן לאנג ניט געװען דאָ!
אזא טאָג איז ניטאָ!
ניט קײַן טאָג — א לעגענדע!

ניט קײַן עפלשער צװיט,
ניט קײַן רױך פון די באנען,
נאָר אין זוניקער ליד
אזא טאָג איז פאראנען...

ארום גאנצן ארום
אזא טאָג װעט ניט קומען,
ס׳איז א שפּיל מיט דער זון,
ס׳איז א שפּיל מיטן זומער.

# מילן, מילן!

מילן, מילן, ליבע מילן,
פאָלגט דעם ווינט און מאָלט די ברויטן!
אין א שטעטל, אין א שטילן
ווארטן קינדער בא די פלויטן...

שמעקט מיט אָפּגעבּרענטע גראָזן
אין די פעלדער, אין די הויפן,
פאָלגט די ווינטן, ווען זיי בלאָזן,
ווען זיי טרייבן, ווען זיי לויפן...

זאָלן קינדער זינגען זאטע,
זאָל ניט הונגערן דער טאטע,
ליבע ווינטן! העלפט אונדז מאָלן
אין די דערפער, אין די טאָלן.

ס'איז ניטאָ קיין צייט צו דרימלען,
ס'ווייסט שוין דאָרף און גאס און געסל...
אונטער הויכע בלויע הימלען
ווילן אלע קינדער עסן!..

— — — — — — — — — — —

וועלן אלע קינדער עסן,
אין די ווינטן ניט פארגעסן...

דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט זיך, מילן!
פאָלגט דעם ווינט און מאָלט די ברויטן!
אין א שטעטל אין א שטילן
ווארטן קינדער בא די פלויטן.

## צוויִשן בערג

צווישן בערג דרײַ שטומע ביימער,
יעדער בוים איז ווי אַ שוימער.

מ׳האָט באַשטעלט זיי דאָ אינמיטן
הויכע בערג אין נעכט באַהיטן.

זאָל די אַלטע זון ניט בראָטן,
פאַר אַ מענטש זאָל זײַן אַ שאָטן.

שטיקער זון אויף אַלטע צווײַגן,
שטייען ביימער דרײַ און שווײַגן.

מ׳האָט אַ מאַכגע דאָ געטריבן,
זײַנען ביינער נאָר געבליבן.

וואַשט דער רעגן יענע ביינער —
וועמעס ביינער ווייסט ניט קיינער.

און וואָס קאָנען ביימער זאָגן,
זעלטן פאָרט דאָ דורך אַ וואָגן.

זעלטן קומט אַ ווינט פון צאָפן,
קומט אַ ווינט און ווערט אַנשלאָפן.

שטייען שטיל דרײַ שטומע ביימער,
יעדער בוים איז ווי אַ שוימער.

## ווינקעלעך פּעטשערסקער

איבּער בּערג בּאַגילטע, אונטער בּיימער העכסטע
קלויסטערישע שטילקייט, ווינקעלעך פּעטשערסקער...

ווינקעלעך און טייַך, און רויע, גרויע רוימען...
בּיימער אויף די כוואַליעס, כוואַליעס אויף די בּיימער...

פון די הויכע שפּיצן, פון דער אַלטער לאַווּרע
פאַלן אויף די כוואַליעס צייַלעמלעך פון זשאַוּוער...

צייַלעמען זיך כוואַליעס, צייַלעמט זיך דאָס וואַסער,
שווימען בּאַרזשעס שווערע, בּאַרזשעס פול מיט מאַסע...

הוידען זיך די ציילעמלעך, הוידען זיך און פאלן,
א הודאָק א ווײַטער קומט פון ארסענאל אָן...

זײַן הודאָק צעטראָגט זיך איבער אלע וועלדער,
דאכט זיך, אז סע הודען אלע זײַנע העלדן.

הערן אלטע פעלדזן און די כוואליעס הערן
דעם הודאָק דעם ווײַטן, דעם הודאָק דעם שווערן...

קנייטשן זיך די כוואליעס, כוואליעס קוטשעראווע,
קנייטשן זיך בערויגעז און שרײַען צו דער לאווע:

„פינצטערע מאָנאכן! הערט שוין אוף צו קלינגען!
פינצטערע מאָנאשקעס! נאט אײַך אָפּ די קינדער?"

שטייט די אלטע לאווע, שטומט די אלטע לאווע,
פאלן אף די כוואליעס ציילעמלעך פון זשאווער...

שווימען איבער כוואליעס שטיבעלעך אָן טירן,
שליופקעלעך און שליופקעס מיט גרויע פאסאזשירן...

ניט קײַן פאסאזשירן באָדן זיך און פאָרן,
ס'באָדן זיך און ס'פאָרן שטיקער הימל קלאָרע...

איבער שיפלעך־כוואליעס, איבער בארזשעס קרומע
פאָרט ארום דער הימל, פאָרט ארום דער זומער...

פאָרט ארום דער זומער בא די ברעגן גרינסטע,
ביז ס'ווערט דער הימל שטערנדיק און פינצטער...

ציט זיך אויס די נאכט אף טײַכן און אף ווערסטן,
ביז הודאָק וועט וועקן ווינקעלעך פעטשערסקער...

## ווען וואַסערן גייען אַוועק...

ווען וואַסערן גייען אַוועק
פון די אָזערעס,
ווערן די אָזערעס פּוסט.

ווען מײַן האַרץ
גייט אַוועק אַף די גאַסן,
ווערט נאָך פּולער מײַן ברוסט.

ווען באַם ראַנד פונעם וועג שטייען טאָפּאָלן,
ווערט דער וועג,
ווי די טאָפּאָלן גלײַך —

שטייען די טאָפּאָלן, זעען די טאָפּאָלן:
וואַסערן לויפן
פון טײַך.

ווען וואַסערן לויפן
און ריטשקעלעך דרייען זיך,
קלאָרע ווי שניי,

רײַסן זיך טאָפּאָלן אָפּ פון די שטאַמען
און לויפן מיט זיי.

וואַסערן, ריטשקעלעך, סטענגעלעך, טאָפּאָלן פרייען זיך,
פריי איך זיך אויך.

הימל אַנטלאָפענער, נעכטן פאַרגעסענער
הענגט ווי אַ רויך.

ווילט זיך מיר זײַן אַזוי קלאָר,
ווי די וואַסערן,
וואָס לויפן צום ברעג.

ווילט זיך מיר זײַן אַזוי שלאַנק, ווי די טאָפּאָלן,
וואָס שטייען באַם וועג.

# א רעגן

דאָס פעלד האָט געבענקט נאָך א רעגן...
אין פעלד און באם וועג זײַנען גריבער געלעגן צעוואָרפּן
ווי ליידיקע קריגן

אין פעלד און באם וועג האָבן געל זיך געהוידעט
פארשטאָרבענע זאנגען,
אין פעלד און באם וועג האָבן טרוקענע ברויטן געשריגן,
געשריגן האָט וואלד, דער געשריי איז געהאנגען
איבער דאָרשטיקער געגנט:
— א רעגן!

האָט זון זיך דערשראָקן
און זון איז אנטלאָפן אף העכסטע, אף הימלשע שטאָקן...

פון פעלדער אוועק איז דער גלי און די היץ...

א בליץ
האָט מיט מעסערלעך רויטע און שמאָלע
דעם הימל געשניטן,
איז א דונער אוועק איבער טאָלן
און פלוצלינג, געבליבן אינמיטן...

...און ס'האָט זיך באוויזן...

ס'איז רעגן געפאלן מיט פלינקע און שטעכיקע שפּיזן,
געשמיסן,
געשטאָכן,
די זאנגען געבראָכן...
זײַנען ברויטן געלאָפן ווי סטאדעס פארלאָזטע, צערייצטע,
וואָס האָבן דעם פאסטעך פארלאָרן,
געקלאָגט האָט דער האָבער, געיאָמערט דער ווייץ האָט,
געוויינט האָט דאָס קאָרן,

זיי האָבן געוויינט און זיי האָבן געפּלאַטערט:
— גענוג שוין! גענוג שוין! מיר זײַנען פאַרמאַטערט!
— גענוג שוין! גענוג שוין! פאַרמאַך דײַנע קוואַלן!
— גענוג שוין! גענוג שוין! מיר זײַנען פאַרפאַלן!
נאָר ס'האָט זיי די טרוקענע ברויטן,
דער רעגן געיאָגט און געבויטעט...
געדרייט און געפּאַטשט און געשלאָגן,
און... סטאָפּ!

באַ דער זײַט און אינמיטן די זאַנגען
זײַנען פּאַסיקלעך וואַסער געגאַנגען
און רויִק דעם שטויב פון די זאַנגען צו טײַכן געטראָגן...
א רעגן...

א וואָלקן א לעצטער אוועק איז ווי רעגנס א דענקמאָל...
ס'וועלן די זאַנגען דעם רעגן געדענקען...

א טאָג איז אַנטלאָפן...
און ס'ליגן שוין ווידער די זאַנגען
מיט דאָרשט און מיט שטויבן פאַרלאָפן...
און ס'בראָט זיי שוין ווידער די היִץ
און ס'פּרעסן צעגליטע מעסלעסן,
און ס'האָבן די זאַנגען די שמיץ פונעם רעגן פאַרגעסן...

אין פעלד און באַם וועג זײַנען ווידער די גריבער
געלעגן צעוואָרפן ווי ליידיקע קריגן,
אין פעלד און באַם וועג האָבן ווידער געהוידעט זיך
געלע פאַרשטאָרבענע זאַנגען,
אין פעלד און באַם וועג האָבן ווידער
די טרוקענע ברויטן געשריגן,
און געשריגן האָט וואַלד. דער געשריי איז געהאַנגען
איבער דאָרשטיקער געגנט:
א רעגן!

# אין שטילע סעדער

פון די שטילע סעדער פליט אוועק דער צוויט שוין
און ווי מידע פויגלען פליִען אָפּ די בלעטער,
לעצטע פוילע שליופּקעס אפן טײַך זיך גליטשן,
יאָגן זומער־ווינטלעך טרוקענע און שפּעטע...

אין די שטילע סעדער פּוסטעווען די נעסטן,
בלעטלעך, בלאט און בלעטער ווי א טראָטואר איז,
ס'האָבן הויכע בלעטער בליִען שוין פארגעסן,
איבער געלע הימלען וואנדערן די כמארעס...

זשאווער קוטשעראווער אף די צוויַיגן גליט שוין,
שמעקט מיט פיַיכטער קילקייַט און מיט פוילע עפל,
ווינטער־זאווערוכעס פיַיפן שוין און קוויטשען
אונטער קאלטע וואָלקנס אין די וויַיטע סטעפּן.

ווינטער־זאווערוכעס! האָט נאָך צייַט א ווייַלע!
איר וועט שפּעטער סווישטשען, איר וועט שפּעטער טופּקען!
ס׳פליִען נאָך די בלעטער איבער פיַיכטע מיַילן,
איבער קאלטע טיַיכן שווימען נאָך די שליופּקעס...

איר וועט שפּעטער פיַיפן! איר וועט שפּעטער פּלאָנטען!
דריַי פאבריק־געביַידעס כ׳דארף מיט דעכער דעקן,
אף די בלינדע היַיזער דארף איך פענצטער אָנטון,
ס׳דארף... דער אלטער שניַידער ברענגען נאָך מיַין רעקל...

און ארום מיַין מי־לאנד פליִען נאָך און דראָען
וואָלקנס ווי די קראָען, כמארעלעך ווי טויבן...

---

פרילינגדיקע הארבסטן, שטילע שיינע שאָען,
מירן אײַך דערטראָגן, מירן אייך דערהייבן!

ווינטער־זאווערוכעס! האָט נאָך צייַט א ווייַלע!
איר וועט שפּעטער סווישטשען, איר וועט שפּעטער טופּקען!
ס׳פליִען נאָך די בלעטער איבער פיַיכטע מיַילן,
איבער קאלטע טיַיכן שווימען נאָך די שליופּקעס...

# אין האַרבסט

כ'האָב ליב פון האַרבסט די פרייד
ביז ערשטע שנייען ציִען,
ווײַל אַלץ, וואָס בלײַט, פאַרגייט,
קעדיי נאָך שטאַרקער בליִען.

ס'האָט יעדער קאַלטע שלאַכט
געמערט אין אונדז דעם פײַער...
נאָך יעדער אַלטער נאַכט
קומט אָן א טאָג א נײַער...

סע וויאַנעט און סע גרינט
און געלס מיט גרינס זיך טוישן...
און שטילער ווערט דער ווינט
קעדיי נאָך שטאַרקער רוישן...

די גראָזן אינעם פעלד,
די ביימער און די שטערן,
און אַלץ אױף דר'ערד פאַרוועלקט,
קעדיי נאָך יינגער ווערן.

# פון מײַן לירישער שאַכטע

# שטילינקע שלאכטן

פון הויכער לעוואָנע
דער רעגן
באשיינט
פארשיידענע וועגן,
פארשיידענע פאָנען. —

ווי איז דעם דיכטער,
וואָס האָט ניט קיין פריינט,
ווי איז דעם דיכטער
וואָס האָט ניט קיין סאָנים!

זאָל זײַן, אַז דאָס שלאַכט־פעלד איז איצטער
א העפט:
איך זע זיי פון שטילינקע שלאַכטן —
די רויכן.
דאָס וואָרט איז א קויל
און סע צילט
און טרעפט.

און ווי איז צום דיכטער,
וואָס שיסט
אין די הויכן!

אַרום און אַרום איז נאָך אַלט,
נאָר סע פאַלט
פון אוראַלטע הימלען
א פרישינקער רעגן,
און אַלטקייט און קאַלטקייט נאָך בלאָזט פונעם וואַלד
און ס׳לויפן נאָך שטויבן דעם אויטאָ אַנטקעגן.

אַזויפיל פאַרסאַמטע, פאַרשיקערטע קעפּ,
און שימל אַזויפיל און סאָנים אַזוינע!
איז ווי צו דעם דיכטער,
וואָס גיט ניט קיין קלעפּ,
און ווי איז צום דיכטער,
וואָס טרעפט ניט
אין סוינע.

## פאר איַך

הייס
און שארף
מײַן ליד איך ווארף
אין הערצער פון פרײַנט מײַנע שטענדיקע.
דאָס נייטיקע וואָרט
אפן נייטיקן אָרט —
און די ליד
איז א ליד
א פארענדיקטע.

איך ווייס,
איך גלויב:
דורך יעדער שויב
שווימען בליקן אלץ נײַע און נײַערע.
דאָס שענסטע וואָרט
אפן שענסטן אָרט
פאר איַך,
מײַנע פרײַנט,
מײַנע טײַערע.

# אין מײַן לירישער שאכטע

צעשרײַ איך זיך הויך,
צעזינג איך זיך שיין
אף גאסן מיט בלויקײַט באוואכטע,
פאלן די לידער,
ווי קויל
און ווי שטיין
אין מײַן ליכטיקער
לירישער שאכטע.

ווערן די וועגן מיט לידער באזוימט,
און ס׳טאנצן
און ס׳דרייען זיך וועגן.
ס׳דרייט זיך די ווײַט,
ס׳דרייט זיך דער רוים,
און ס׳רעגנט מיט בלויקײַט און רעגנט.
זינגט ארום מיר יעדע גאס, יעדער בוים,
יעדער ווינט,
יעדער קינד
פון מײַן געגנט.

אזא הויכער געזאנג!
אזא שיינער געזאנג
פון פאבריקן, פון פעלדער און באנען.
רײַסט זיך פון מיר
יעדער ליד מיט א דראנג
איבער שטעט,
איבער בערג,
אָקעאנען.

און סע הילכן די בערג,
און סע מאָנען די שטעט,
און מע פאָדערט, מע בעט,
און סע מאָנט און סע ציט,
אָ, די מאָנונג פון רעגנדע רעגעס...
יאָ!
איך ווייס, מײַנע פרײַנט, אז מיט פריידיקער ליד
טויזנט מאָל גרינגער דער וועג איז!

אויב אזוי, אויב אזוי
זאָל א יאָג טון געזאנג
מיטאמאָל,
מיטאמאָל
אף דער שטאָט,
אפן וואלד,
אפן טאָל,
אף די גאסן און געסלעך פארשמאכטע.

זאָלן פאלן די לידער, ווי פעלדזן,
ווי שטאָל,
אין מײַן ליכטיקער לירישער שאכטע!

ווען כ׳דערהער פונדערווײַט,
ווען כ׳דערפיל, ווען כ׳דערקען
דאָס געזאנג, דאָס געזאנג פון פאבריקן,
און אמאָל ווען כ׳דערזע, ווען כ׳דערפיל ווען־ניט־ווען
פון די לידער די דאָרשטיקע בליקן,
זאָג איך זיי:
נאט אײַך מײַן פלאם
און מײַן ברען
און די אנדערע זיבעצן גליקן!

נעמען די לידער מײַן ברען און מײַן פלאַם
און פליִען אװעק אין די טיפן,
זיי טראָגן זיך גרינג, װי די שליופּקעס אין יאַם,
און אַמאָל נאָר —
װי װאָגיקע שיפן.
און אַמאָל,
װען סע שפּרייט זיך די טאָגיקע שײַן
אַף ביימער,
אַף פענצטער,
אַף ציגל, —
הייבן זיך אָן אַזוי גרינג, אַזוי פֿײַן
די לידער צעהוידען און װיגן,
קומען די לידער אין גאָרטן אַרײַן
און הייבן זיך אָן מיט מיר קריגן
און זאָגן מיר בייז
און שרײַען מיט פּײַן:
— מיר װילן, אין שאכטע ניט ליגן!

מיר װילן מיר װילן ניט ליגן,
װען סע שפּאַלט זיך די לופט
פון געזאַנג און פון שלאַכט,
װען ס׳בייגט זיך די נאַכט
אונטער לאַסטן
פון ליכט,
װען פון פעלד און פון טאָל
גייט א שיכט נאָך א שיכט,
און ער מאָנט און ער רופט,
און סע שפּאַלט זיך די לופט
פון זײַן הייסן געשריי,
און סע שפּאַלט זיך די לופט
פון זײַן קראַכנדן װיי,
פון זײַן בלוטיקער שײַן.

איבער לענדער און שטעט
גייט א ווילדער געוועט:
וויפל בלוט? וויפל פּיַין?
צעשרײַען זיך לידער בערויגעז און שטרענג:
ס'איז אונדז ענג, ס'איז אונדז ענג,
אין דער שאכטע איז ענג,
שיק אונדז אין שלאכט און שיק איבער שטעט,
שיק אונדז אוועק אפן ווילדן געוועט,
ווי שפּיזן, ווי שרויט און ווי ציגל.

מיר ווילן אין שאכטע ניט ליגן!

איך זאָג צו די לידער:
איך פיל אים, דעם גאנג
פון מענגעס אף הונדערטער מײַלן,

כ'בין אליין אינעם גאנג
און איך ווייס אים פון לאנג,
נאָר מע טאָר ניט, מע טאָר זיך ניט אײַלן —
ס'דארפן די לידער אוועק אינעם לאנד,
ווי בליציקע שפּיציקע פײַלן.

וועט איר פליִען אזוי
נאָכן לופטיקן וואָר,
וועט אײַך קיינער ניט זינגען,
ניט לויבן,
וועט איר בלײַבן ווי שטויב
אפן לײַב פון מײַן דאָר,
ניט דערזאָגט,
ניט דערהערט,
ניט דערהויבן.

איך האָב ברידער אסאך,
זיי געדענקען מיך שיין
פון נעכטן און היינטיקע שלאכטן,
נאָר איר ווייסט דאָך אליין,
און איר זעט דאָך אליין
כ'בין דאָך איינער אליין אין מיין שאכטע.

אין מיין לירישער שאכטע איז קיינמאָל ניט הויל,
ז'איז באלאָדן מיט פריידן און ווייען,
כ'וועל ניט הייבן די האנט —
וועט ניט פאלן קיין קויל,
וועט איר, לידער, די וועלט ניט דערזעען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך אמאָל כ'האָב אזוי מיט לידער גערעדט,
נאָך אמאָל
אין די יינגלשע יאָרן;
כ'האָב די לידער געקושט,
כ'האָב די לידער געגלעט,
כ'האָב די לידער אף אייביק באוואָרנט.

איז אין שאכטע שוין העל,
איז שוין פעסטער דער שפאן
און די לידער אצינד שוין ניט ענג איז,
כ'האָב די לידער באוואָרנט מיט אייביקן פלאם
און מיט גאנג
און מיט דראנג
פון די מענגעס.

און זיי הענגען שוין שטיל, און זיי הענגען שוין שיין
און זייווארטן אף וואָכיקע שלאכטן,
ביז כ'וועל הייבן די האנט,
ביז כ'וועל שפאלטן דעם שטיין
אין מיין ליכטיקער לירישער שאכטע.

# קאָרן און לידער

עס זיפּט זיך, עס שלעפּט זיך מיט וואַלדישער געגנט
א לירישער רעגן...

עס גליטשטן זיך זויבערע, גלעזערנע שנירלעך,
א שקאַפּקע, א פּוילע אין דאָרף אריַין פירט מיך...

עס שטייען די דעמבעס אין וועלדער ווי שטענדיק,
איך פאָר און איך כאָלעם פון פארביקע לענדער...

איך כאָלעם פון אינדיע, איך כאָלעם פון שפּאַניען,
איך כאָלעם... ווּ נעמט מען אצינד אן אכסאַניע?

פון דעמבעס צו דעמבעס די ריטשקעלעך גייען
און ס'טריפן געשליפענע, קלאָרע כאָרייען...

מיט וואַלדישע וועגן, מיט פרישע און קלאָרע,
מיט לירישן רעגן אין דאָרף אריַין פאָר איך...

ס'האָבן געשיקט מיך די שטעט און די גאָרנס,
וויַיל ס'האָבן די ריַיכע באהאַלטן דאָס קאָרן...

דאָס קאָרן געפונען באַם פּעטן, באַם בייזן —
אזוי האָבן שטעט און פאבריקן געהייסן.

אָ, לירישער רעגן, אָ, לירישער רעגן,
פארשטעל ניט פון מיר די פּאָרויסיקע וועגן...

און פּליסיקע יאמבן, און פלינקע כאָרייען,
פארקלינגט גיט מײַן וואָכיקן גאנג אין די רייען...

ס׳איז פּאָשעט, ס׳איז וויכטיק, ס׳איז מערער פון וויכטיק,
די שטאָט האָט געהייסן כ׳זאָל שטרענג זײַן און ניכטער...

וואָס ווילן זיי איצטער, די טרוימען די בלינדע?
דער כאָלעם פון שפּאניען, דער כאָלעם פון אינדיע?

איך זע, ווי ס׳פארגראָבן דאָס ברויט באַלעגופים,
איך הער, ווי באטראקעס פון דערפער מיך רופן...

וואָס ריזלען כאָרייען? די יאמבן, וואָס הענגען?
די שטאָט האָט געהייסן מיר, ברויט זאָל איך ברענגען...

די דערפעלעך צינדט מען, די ברויטן פארשיט מען...
וואָס טויגן די אלטע, פארוויאנעטע ריטמען?

נאָר ס׳זיפט זיך, עס שלעפּט זיך מיט וואלדישע וועגן
דער לירישער רעגן...

סע קאפּעט פון קאָפּ און פון האלדז און פון שטערן...
און כ׳זע שוין פון ווײַטן דאָס דאָרף אפן בערגל...

אָט דראָט שוין א דעכל מיט רויטינקע שטיינדלעך,
איך ווייס, אז כ׳וועל זײַן אינעם דאָרף ניט אליין דאָ...

און כ׳שרײַ צו די ווײַטע די שטאָטישע קלאָרן:
כ׳וועל ברענגען, כ׳וועל ברענגען אי לידער, אי קאָרן!

# זאָלן זיי בילן!

א פריינט — צו זיין 50־יאָריקן
געבורטסטאָג.

דיין וואָרט, וואָס דו זאָגסט, איז שטענדיק פעסט,
איז שטענדיק הויך און שלאַנק און שיין,
און זאָלן זיי בילן די פרעמדע געסט,
און זאָלן זיי זאָגן: ניין.

ס'איז גוט, וואָס זיי בילן, ס'איז גוט.
צוויי הענט און צוויי פיס—נאָר הינט,
מיט בלוטיקע אויגן און בלוילעכן בלוט,
און זאָלן זיי בילן,—ס'איז ווינט.

ער איז שווער אונדזער וועג, ער איז שווער,
און איך זיך מיט מיין ליד נאָך אין טאָל,
נאָר ס'איז טויזנט מאָל גרינג, ווען איך הער,
ווי סע טראָגט זיך פון מאָסקווע דיין קאָל.

ווי סע טראָגט זיך דיין קאָל, ווי סע דראָט,
ווי סע הייסט, ווי סע מאָנט, ווי סע ציט,
און סע לופטערט און פעסטיקט דעם טראָט,
און סע פרישט און סע מונטערט די ליד.

איז וואַרף זיי א ביין, די פרעמדע געסט,
און זאָלן זיי הריזען דעם ביין.
דיין וואָרט, וואָס דו זאָגסט, איז שטענדיק פעסט,
דיין וואָרט איז שלאַנק און הויך און שיין!

## לאָמיר שפּײַנען אין די טאָלן

א טאָג א דארער ליגט אין גאָלד אין קאלטן,
א ווינט א הייסער מעסט די טראָטוארן,
די לידער מײַנע וויל איך ניט באַהאלטן,
די ווערטער מײַנע וויל איך ניט פארשפּארן...

ס׳האָט פון היים די יוגנט מיך געטריבן
קלײַבן זון אין הונגעריקע טאָרבעס,
וויל איך וויסן, וויפל זון איז אים געבליבן,
וויל איך וויסן, וויפל זון איז שוין געשטאָרבן...

זון פאר אלע, זון פאר אלעמען וועט סטײַען,
נאָר גענוג שוין גיסן הייסקײַט העלע
איבער הימלען, איבער מויערס און טראמווײַען...
זאָל זי גייען שפּײַנען אין די קעלערס!..

ס׳וועט די זון נאָך הענגען א יאָר טויזנט
מיט איר גלי און מיט איר פלאקער,
וועל איך גיין פארקויפן מײַנע הויזן,
און א לאָזשע קויפן אין טעאטער...

אין דער לאָזשע וועל איך זיצן און וועל שרײַען
צו די זינגערס, צו דער זון און צו די דיכטער:
— שוין גענוג אף וואָלקנס זיך קאטײַען,
לאָמיר שפּײַנען אין די טאָלן ליכטיק!

נו, א קליפּע, נו, א שטיפערקע, אן אלטע,
ליגט אין שטעט און בריט די טראָטוארן...
— — — — — — — — — — — —
כ׳וועל די טײַנעס מײַנע ניט באַהאלטן,
כ׳וועל די ווערטער מײַנע ניט פארשפּארן...

## צו. איר

מ׳האָט שוין גענוג דײַנע אויגן באַזונגען,
גענוג שוין, גענוג שוין דײַן אומזין געלויבט,
גענוג שוין דײַן שיינקייט, דײַן פלינקייט, דײַן יונגקייט
מיט לידער און גראַמען, מיט אַלטע פאַרשטויבט,
מ׳האָט שוין גענוג דײַנע אויגן באַזונגען...

אין לידער אין אַלטע פון אַלטע באַכורים
מ׳זעט ניט דײַן מי און מ׳הערט ניט דײַן וואָרט,
מ׳זעט ניט דײַן פאָדעם, וואָס ציט זיך פון שטורעם,
ס׳קלינגט ניט דײַן ליד אינעם כאָר פונעם דאָר
אין לידער אין אַלטע פון אַלטע באַכורים...

יאָ! ביסט גערעכט מיט די טײַנעס די בייזע:
מ׳זינגט נאָך פון מיידלעך, וואָס ברעכן די הענט,
מ׳זינגט, ווי געזונגען אַמאָל האָט נאָך רייזען,
מ׳זינגט און מ׳זינגט און דו ווייסט ניט ביז ווען...
יאָ! ביסט גערעכט מיט די טײַנעס די בייזע.

מ׳האָט שוין גענוג דײַנע לאָקן באַזונגען,
די פלאַמיקע קושן און צערטלעכע טריט,
ס׳גיין פון פאַבריק שוין דיכטערנס יונגע,
זיי וועלן אַליין שוין אַ הילך טון אין ליד.
מ׳האָט שוין גענוג דײַנע לאָקן באַזונגען!

## דעם דרויסן כאָלעמט זיך...

דעם דרויסן כאָלעמט זיך א שניי,
וואָס שיט זיך ווארעם אף די דעכער.
האָסט מיר געזאָגט: איך גיי און גיי —
און בין נאָך אַלץ פון זיך ניט העכער.

צעזינגט זיך אָפט אין מיר א קינד
און שרײַט צו מיר און צו א דריטן:
איך וואָלט דײַן הויעכקײַט אצינד
אף מײַנע ערדן ניט פארביטן.

איך האָב זיי ליב, די הויכע נעכט,
ווען ס׳וויינט א ווינט אין בלויען בעכער,
נאָר כ׳בין געוווינט צו אונדזער ערד,
איז שווער מיר טאנצן אף די דעכער.

איז זאָלן טאנצן דאָרטן די,
וואָס האָבן ניט קײַן פיס אף שפאנען;
זיי איז באשערט אין בלויסטן פרי
מיט בליקן הארבסטיקע פארוויאנען.

און מיר איז גוט. איך וואקס און גיי,
ווײַל ס׳איז פון ערד הײַנט גאָרניט העכער,
דעם דרויסן כאָלעמט זיך א שניי,
וואָס שיט זיך ווארעם אף די דעכער.

# מידקײַט

זאָלן זינגען וועגן מידקײַט
די, וואָס זײַנען מיד,—
ניט פאר יענע, ניט פאר יענע
איז מײַן ליד.

מירן וואגן, מירן גייען —
ס'איז נאָך ווײַט...
זאָלן זיך די מידע שטייען
בא א זײַט.

מידע ווערטער, מידע בליקן,
מיד.
ניט פאר יענע, ניט פאר יענע
איז מײַן ליד.

# דאָס וואָכיקע וואָרט

דאָס וואָכיקע וואָרט, דאָס געשמאַקע,
איז ערגעץ אין שאַכטעס פאַרנומען;
סע רײַסט זיך און קאָן נאָך ניט קומען, —
דאָס וואָכיקע וואָרט, דאָס געשמאַקע.

דערפאַר זײַנען לידער נאָך נאַקעט, —
ס׳האָט קיינער ביז היינט ניט געבראַכט עס,
דאָס וואָכיקע וואָרט פון די שאַכטעס, —
דערפאַר זײַנען לידער נאָך נאַקעט.

אױף שורעלעך צאַרטינקע רייען
פּאַלט נאָך די שײַן פון לעוואָנע;
די שאַרפקייט פון פרעסט און פון שנייען,
די שאַרפקייט פון בלוט איז ניטאָ נאָך
אין שורעלעך צאַרטינקע רייען.

דאָס וואָכיקע וואָרט, דאָס געשמאַקע,
איז ערגעץ אין שאַכטעס פאַרנומען;
סע רײַסט זיך און קאָן נאָך ניט קומען, —
דאָס וואָכיקע וואָרט, דאָס געשמאַקע.

# א בריוו צו שאָלעם־אלייכעמען

(פרילינגדיקע שורעס).

די זון — זי לויפט, זי פליט,
און יונגע ריטשקעס ריזלען.
מײַן לעזער!
ביסט נאָך ניט
געוווינט צו פּראָזאַיזמען.

וועסט זאָגן, אז ס׳איז גרינג,
מײַן ליד איז לײַכט געוואָרן,
מײַן לעזער!
פרעג ניט —
זינג!
ווי ס׳זינגען הײַנט די יאָרן!

און לאך ווי יענע זון,
וואָס שטיפט אף העלע שליאכן,

ווײַל „לאכן איז געזונט —
דאָקטוירים הייסן לאכן".

ס'האָט היינע זיך דערלויבט
אמאָל אין לידער שפּאסן,
און פּושקין האָט געלויבט
דעם שמייכל פון די גאסן.

אינמיטן שטאָט איך שטיי
און זע, ווי ס'וואקסן בריקן,
ווי ריטשקעלעך פון שניי
צעלויפן זיך די בליקן.

סע פרילינגט יעדע שאָ,
סע לויפן ערשטע שטראָמען,
באם לאָפּאן אָט־א־דאָ
דערמאָן איך הייַנט דייַן נאָמען.

דייַן נאָמען איז מיר ליב —
איך וועל אים ניט פארגעסן.
ער קלינגט אין יעדער שטוב,
ער הילכט אין יעדער געסל.

מע ווייסט דיך אומעטום —
אין שטעטלעך און אף פּלעצער.
און ניסטער בלאָנקעט אום
און ס'ליינען אים די זעצער.

די זון צעטרייַבט דעם רויך,
דעם רויך — דעם לעצטן קאָרבן,
איך זאָג עס שארף און הויך:
— א שאָד, וואָס ביסט געשטאָרבן!

געקומען וואָלסט פון פרעמד
אין קאַנט מײַנעם אין ליבן,
מיט דײַנע קלוגע הענט
געליבט אונדז און באַשריבן.

ס׳וואָלטן גרויס און קליין
געקומען זען און הערן,
און ס׳וואָלטן הויך און שיין
געפויקט די פּיאַנערן.

מיר וואָלטן דיך באַדאַנקט
מיט דראַשעס און מיט טאָסטן,
געליבט פאַר דײַן געזאַנג,
דעם זוניקן און פּראָסטן.

און וואָלסטו דעם „פּראָליט"
מיט גרויסע פרייד געליינען,
מיר וואָלטן דיך פאַרהיט
פון יאַשען, פון בראָנשטיינען...

ער שרײַבט געוויס גאַנץ שיין,
נאָר גוואַלד—ער איז צעצויגן,
איך טו אים נאָר א ליין
און ס׳קלעפּן זיך די אויגן...

נאָר ווידער פאַלט מײַן בליק
אויף גאַסן ווי א רעגן,
די זון איז אויפן בריק,
זי שטייט און היט די וועגן.

די זון, די זון, זי האָט
פאַר מיר די צאַרטסטע ווערטער,
איך שטיי אינמיטן שטאָט
און וואַרט אויף דײַן געלעכטער.

אין הויקערדיקער נאַכט
אויף אויסגעוועפּטע שליאַכן
דו האָסט אַזוי געלאַכט,
ווי קיינער קאָן ניט לאַכן!

אַפילו סטרעליצס וואָרט
מיט זײַן הומאָר דעם רײַכן —
ער קאָן, קאָן נאָך פאָרט
צו דיר זיך ניט פאַרגלײַכן.

האָסט אָפּגעזיגן אַסאַך,
מיר וואָלטן דיך געשלאָגן.
איך בעט דיך: קום און לאַך,
איך בעט דיך עפּעס זאָגן.

מײַן לאָזונג: ניט גערוט,
ס'איז יעדער קער אַ טעמע,
און אַלע דרײַ מינוט
ווערט פאַרטיק אַ פּאָעמע!

וואָס שרײַב איך? —
ניט קײַן ליד.
ס'ווערט פאַרטיק עפּעס גרעסערס,
מיר היילן יעדער שניט
פון סוינעס שאַרפע מעסערס.

איך זינג און שרײַ, איך ברען,
ווען כ'זע א נײַעם מויער,
נאָר ס'פּעלט מיר אויס דײַן פּען,
דײַן פּען, דײַן אויג, דײַן אויער.
— — — — — — — — — — —

סע שווימט אוועק דער שניי,
סע שווימען קאַלטע יאָרן,
אף סיטאַס יובילײַ,
איך בעט דיך, קום צו פאָרן.

מיר וואַרטן אף דײַן גרוס,
ס'איז גוט אזוי איצט קומען.
מיר וואָלטן דיך אין „וווספּפּ".
פאַרשטייט זיך, ניט גענומען.

נאָר עפּעס טוט מיר באַנק,
ווען כ'זע, ווי ס'טײַען שנייען,
כ'האָב טעוויען דאָ ניט לאַנג
אין בויערקע געזען.

איך זע: ער פליט, ער לויפט,
פאַרפאָרעט און באוואַקסן,
ער האָט ניט לאַנג געקויפט
א וואָגן מיט צוויי אָקסן....

און מענאַכעם איז אין קאָן
מיט מענדלען צווישן מענטשן,
זיי פאָרן קײַן כערסאָן,
דו וואָלסט זיי ניט דערקענט שוין.

אומזיסט די רייד צו דיר,
דו וועסט זיי שוין ניט הערן,
טאָ, אומזיניקער שיר,
דערלאַנג כאָטש גאָדינערן.

און גיב אים כאָטש פארשטיין:
דאָס וואָרט איז שטענדיק ניכטער, —
ווי גרויס, ווי הויך און שיין
איז פּאשטעס בא א דיכטער...

און אלעמען צעטראָג
די פּראָסטקייט פון די שטראלן,
די שיינקייט פונעם טאָג
אף יעדן וואָרט זאָל פאלן.

דיין שמייכלענדיקע שיין,
דיין פרילינגדיקער שמייכל
זאָל אומעטום היינט זיין
און אומעטום דערגרייכן!

מיין לעזער, ביסט ניט מיד
פון דיכטערישע לאסטן —
דערלויב־זשע מיר אין ליד
אמאָל, אמאָל א שפּאס טון.

מ'וואָלט געדארפט שוין לאנג
א זשאנר אזא צעוויקלען,
מיר האָבן הייסן גאנג
און האָבן קאלטע ציקלען...

דער הויכער זון איז גוט —
זי לײַנט ניט קײַן געדיכטן.
ווו נעמט מען נאָר איר בלוט —
מײַן לאַנד מײַן גרויס פאַריכטן!

דער זון איז גוט. ז'איז הויך,
זי שווימט אף פעסטע בריקן,
זי זעט דעם שיינעם רויך,
וואָס שווימט אף די פאַבריקן.

ווי הײַזער וואַקסן אויס,
ווי קאַלטע נעכט פאַרגייען,
ווי יעדער טאָג איז גרויס,
ווי ס'לויפן הײַנט די שנייען.

איך האָב זיך שוין פאַרעדט,
מײַן בריוו האָט זיך פאַרצויגן.
די זון פון נײַע שטעט —
זי בלענדט מיר אין די אויגן.

זי בלענדט מיך פריש און הייס,
זי האָט מײַן אײַז צעטריבן.
ביסט ווײַט,
ביסט פרעמד,
איך ווייס —
אומזיסט האָב איך געשריבן.

אומזיסט, אומנישט די רייד,
ווײַל ברייט זײַנען די צײַטן,
א נײַע מאַכנע גייט
דײַן פריילעך וואָרט פאַרבײַטן.

אָן אַנדער, אַנדער טויִ
באַפֿאַלט הײַנט מײַנע שליאַכן.
איז עפּשער ניט אַזוי,
מ׳דאַרף הײַנט אַנדערש לאַכן.

אַ סאָף. געוווג. אַן עק!
פֿון אַלע ווײַטע עקן
דער ווינטער טאַנצט אַוועק,
און זון וועט אַלע קלעקן!

דער דניעפּער לויפֿט און פֿליסט,
ס׳דרייען זיך די מילן,
פֿון יוירעש דיר אַ גרוס —
פֿון קיפּניסן דעם שטילן.

ער האָט דיך שטאַרק באַרויבט
און גריסט דיך ווי אַ טאַטן,
ער גייט אַרום פֿאַרטויבט
און זעט ניט מײַנע יאַטן.

די ערד ווערט יונג און נײַ,
נאָר הימלען דײַנע שטומען.
איך זאָג, איך מאָן און שרײַ:
— אַ שאָד, וואָס קענסט ניט קומען.

מיט אַלץ, וואָס איך פֿאַרמאָג,
מיט אַלע מײַנע ווערטער,
איך שטיי אינמיטן טאָג
און וואַרט אױף דײַן געלעכטער!

# ווען מיר קענען...

ווען מיר קענען ברייטער עפענען די אויגן,
וואָלטן מיר נאָך ברייטער אף דער ערד געשפאנט,
וואָלטן יונגע לידער פריילעכער געפלויגן,
וואָלטן מיר נאָך מערער ליב געהאט דאָס לאנד,
ווען מיר קאָנען ברייטער עפענען די אויגן...

ווען מיר קענען טיפער יעדער שפאן באזינגען,
וואָלטן לידער יונגע קיינמאָל ניט געקלאָגט,
וואָלטן לידער נייַע העכער נאָך געקלונגען,
וואָלטן שטילע ווערטער מערער נאָך געזאָגט,
ווען מיר קענען טיפער יעדער שפאן באזינגען...

# וואָכיקע כוואַליעס

פון קינפּטיקע דוירעס דער העלער אנאַליז
אַף יעטווידן טראָט מיך פאַרפאָלגט...
יעדער טאָג טוט א שווענק מיך אין וואָכיקע כוואַליעס
און באַדעקט מיך מיט וואָכיקן אָל.

יעדער טאָג טוט א צי מיך אַף וואָכיקע פעלדזן,
איך פלי מיטן טאָג אַזוי פלינק.
איך קלעטער, ווײַל כ׳וויל, אַז אַף וועגן זאָל העל זײַן,
איך קלעטער, איך הייב זיך, איך זינג.

פון וואָכיקע פעלדזן, פון שטילע דערזע איך
די שיינקײַט פון וואָכיקן דאָר,
שטייט מײַן ליד אַף א פעלדז ווי א רויטער אַרמייער,
באַזינגט און באַהיט אונדזער וואָר.

פון קינפּטיקע דוירעס דער ניכטערער צוגאַנג
וועט מאָנען און פאָדערן מער...
נו, איז וואָס? נו איז וואָס? עס וועט קומען א יוגנט
מיט לידער, מיט נײַע אַף דר׳ערד.

און אַנדערש באַזינגען און אַנדערש זיך ראַנגלען,
א דאָר פון טשוהון און פון שטאָל,
ניט אָט דער וועט די דוירעס צו יענע דערלאַנגען,
וואָס לויפט פונעם הײַנטיקן אָל!..

# מע דארף זײַן וואך

אסאך, אסאך גייט אָפּ און בליאקעוועט,
ס׳גייט אָפּ אַזוינס, וואָס דאַרף פאַרגיין...
און אַלטעביימער שטייען נאַקעטע...
יאָ, יאָ, מײַן קינד, אַזוי איז שיין.

און זע, ווי גרינע ביימער גייען שוין
מיט צווײַגן בלייַקע באַזוימט,
ווי גרויע טויבן אומפּאַרטייִשע
צעפּלינען זיך זיך פון גרינעם בוים...

יאָ, יאָ, מײַן קינד, זאָל דיך ניט אַרן שוין
און זאָל ניט ציטערן דײַן טראָט,
וואָס טויבן גרויע, טויבן נאַרישע
באַוואָרקען נאָך די הויכע שטאָט.

ס׳איז לעצטע טײַבעלעך, די שטאָט אינגיכן שוין
וועט זײַן געזאָטלט און געשמידט...
נאָר ס׳לויפט אַרום אין אַלטע שיכעלעך
אין אַלטע העמדעלעך די נײַע ליד...

ווײַל ניט קיין סטרונעלעך, קײַן טענער האַרפּישע
און ניט קיין שטעטעלעך — דאָנבאַס! טורקסיב!
און ניט קיין טײַבעלעך, נאָר אָדלערס דאַרף מען שוין,
און ניט קיין לידעלעך, נאָר לידער גיב!

די טויבן וואָרקען נאָך, די זשאַבעס קוואַקען נאָך
און ס׳כליפּען וואָלקנדלעך אַף אונדזער דאַך,
אַסאַך, אַסאַך גייט אָפּ און בליאַקעוועט,
יאָ, יאָ, מײַן קינד, מ׳דאַרף זײַן וואַך.

## שוואַרצע זשוקלעך

כאַריקן

...און דער, וואָס גייט אַרום און שעלט
און ברעכט דעם בוים און רײַסט דעם צווײַג,
אָט־דער, וואָס גייט אַרום און שעלט,
וועט שטאַרבן פֿריִער פֿון אונדזער ליד,
וואָס טראָגט זיך האַסטיק אױף דער וועלט!

מיר טרייסלען אָפּ פֿון זיך די רייד,
וואָס פֿאַלן פֿון דער קאַלטער פֿרעמד,
מיר טרייסלען אָפּ פֿון זיך די רייד,
ווי שוואַרצע זשוקלעך פֿונעם קלייד,
ווי פֿרעמדע שטױבן פֿונעם העמד.

די שטילסטע ליד, דער שטילסטער רויש,
דער מינדסטער קלאַנג פֿון ערשטן שלאַכט
וועט לעבן מער פֿון דעם, וואָס לאַכט,
פֿון דעם, וואָס לאַכט און שפּאָט אונדז אויס
און גיסט מיט סאַם און רוישט מיט נאַכט.

...און דער, וואָס גייט אַרום און שעלט
און ברעכט דעם בוים און רײַסט דעם צווײַג,
וועט שטאַרבן פֿריִער פֿון אונדזער ליד,
וואָס טראָגט זיך האַסטיק אױף דער וועלט.

# אינהאלט:

זייט

## מיט הײַנטיקע אויגן:


ס׳איז שוין קלאָר . . . . . . . . . . . 7
צו די בויער . . . . . . . . . . . . . 10
אזוי האָט געזונגען . . . . . . . . . . 12
רעמאָנטן . . . . . . . . . . . . 14
העלדן . . . . . . . . . . . . . 23
פון די העכסטע שטאָקן . . . . . . . . 25
צום קאפיטאן . . . . . . . . . . . . 26
מיט הײַנטיקע אויגן . . . . . . . . . 30


## זאלפן:


אין אטאקע . . . . . . . . . . . . . 35
אין א מוזיי . . . . . . . . . . . . 37
א סאָף . . . . . . . . . . . . . 41
אף שטיקעס . . . . . . . . . . . . 42
אין טעאטער . . . . . . . . . . . . 45
זאלפן . . . . . . . . . . . . . 47
זײַט פארשאָלטן . . . . . . . . . . . 50
דער לעצטער דאָר . . . . . . . . . . 55
ווי דער ווינטער . . . . . . . . . . 58
גיך איז מײַ . . . . . . . . . . . . 59
דרײַ מאָל באוואָרנט . . . . . . . . . 60

**גרוזיע** . . . . . . . . . . . . . 65

זײַט

## געוועטן:


זײַנען מיר געקומען . . . 153
צו א פרײַנט . . . 155
אפן זעלביקן וועג . . . 158
זײַט געזונט . . . 160
הייבט די העק . . . 161
ליגט דער בוים . . . 162
בא מאשינען . . . 163
אף די פעלדער אלעמענס . . . 164
א געוועט . . . 165
אין א פרעמדן גאָרטן . . . 167
קינדער . . . 169
יעדער נאָמען . . . 172
גאָלדענע פלעשער . . . 173
שיינער טומל . . . 174
זאָלסט מיך ניט פארלאָזן . . . 175
כויוועס . . . 177
ווי א ברודער . . . 178
איך בין שוין אן אנדערער . . . 179
אין א נײַער קארעטע . . . 181
א גרוס . . . 182


## לידער וועגן דרויסן.


א באגעגעניש אין קרים . . . 185
פרילינג אף סלאָבאָדקע . . . 193
א שפיל . . . 195
מילן, מילן! . . . 197
צווישן בערג . . . 198
ווינקעלעך פעטשערסקער . . . 199
ווען וואסערן גייען אוועק . . . 201
א רעגן . . . 202
אין שטילע סעדער . . . 204
אין הארבסט . . . 206

זײַט

## פון מײַן לירישער שאכטע:

שטילינקע שלאכטן . . . . . . . . . . . 209
פאר אײַך . . . . . . . . . . . . . 211
אין מײַן לירישער שאכטע . . . . . . . 212
קאָרן און לידער . . . . . . . . . 217
זאָלן זיי בילן . . . . . . . . . . 219
לאָמיר שײַנען אין די טאָלן . . . . . 220
צו איר . . . . . . . . . . . . . 221
דעם דרויסן כאָלעמט זיך . . . . . . . 222
מידקײַט . . . . . . . . . . . . . 223
דאָס וואָכיקע וואָרט . . . . . . . . 224
א בריוו צו שאָלעם-אליי‏כעמען . . . . . 225
ווען מיר קענען . . . . . . . . . . 233
וואָכיקע כוואַליעס . . . . . . . . . 234
מע דארף זײַן וואך . . . . . . . . . 235
שווארצע זשוקלעך . . . . . . . . . 236